STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00519

MOSHEH LEYB HALPERN

Moshe Leib Halpern

Permanent preservation of this book was made possible by
Edgar Simon
in memory of
Lipman Simon & Louis Asher

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה לייב
האַלפּערן

צווייטער באַנד

אַרויסגעגעבן פון
משה לייב האַלפּערן קאָמיטעט
ניו-יאָרק, 1934

Copyright, 1934
By Rose Halpern
New York

Myold Printing Co., Inc.
161 Grand Street, N. Y.

די לידער וואָס גייען אַריין אין דעם דאָזיקן באַנד ווערן געדרוקט פון כתב־יד.

נאָר גאַנץ קליינע טיילן פון די לידער: „אַ מעשׂה“, „אַ באַנקעט רעדע“, און עטלעכע אַנדערע, זענען געדרוקט געוואָרן פריער אין פאַרשידענע זשורנאַלן.

עס איז גוט באַקאַנט ווי אַזוי משה לייב האַלפּערן פלעגט צוגרייטן עפּעס צום דרוקן: מעקן און ענדערן, צוגעבן און אַראָפּנעמען, איבער־שרייבן און נאָכאַמאָל איבערשרייבן.

בלי שום ספק וואָלט ער אויך אַזוי געטון מיט די מאַנוסקריפּטן, וואָס ווערן איצט פאַרעפנטלעכט.

עס איז אָבער קלאָר, אַז איצט מוזן די לידער גע־דרוקט ווערן אין דער פאָרם, ווי זיי זענען געפונען געוואָרן.


1927

אינהאַלט

ליד — 11
דיכטונג — 13
דאָס האָב איך געדערט צו מיין איינציקן זון באָם שפּיל—
און מער צו קיינעם נישט — 15
אַנאָ 1908 — 43
אויפן וואָקזאַל באָם שערער — 55
עס איז נישט געווען — 69
ערגיין ווייט — 73
אַ מעשה — 76
טו עפּעס מיט דער וועלט — 104
פינצטער — 106
אין זיין צער — 108
דערווייל זאָ-זאָ — 109
קעניג שלמה — 110
אַ באַנקעט רעדע — 115
זונפאַרגאַנג אויף ביימער — 130
דו הונט, מיין ברודער — 132
מיין בלינדער שכן — 135
מיינע פאַרלוירענע טעג — 138
דאָס ליד פון לענדלאָרד — 140
דער לענדלאָרד גייט — 143
דער צדיק — 145
ס'עט זיין אַזוי — 146
איך און דו — 148

איך קען דיך נישט — 149
דאָרף לאַנדשאַפט — 150
דער גאַנג פון מיין בלוט — 151
אין ספיק־איזי — דאָס בלומענמיידל — 154
די יונגע דאַמע — 156
און דער וואָס קומט — 158
דער בעטלער אין גאָרטן — 160
מיר די רעוואָלוציאָנערן אָדער ס׳אַמעריקע — 162
שאַלאַמויזן — 164
מיין שרייעדיקייט — 166
דאָס ליד וועגן באַצקעלעס טויט — 168
אָט וואָס — 172
נישט איך בין דער — 173
די שענק — 175
ניו יאָרק — מאַנטקלעמענס — 177
בים-באָם — 181
סאָלדאַטן — 186
אין גאַס אין מיטן שטאָט — 188
די באַלאַדע פון ווינטער אין פּאַרק — 191

משה לייב האַלפּערן

צווייטער באַנד

ליד

דער וועג — פֿאַראויס אַ קינד באַנאַכט אַליין,
וואָס שרעקט זיך פֿאַרן אייגענעם געוויין.

די עלטערן — ניט איך שוין מער, ניט דו,
נאָר אויף דער ערד צוויי בערגלעך ערגיץ־וואו.

און וועלף באַהאַלטענע אויף נאַכט־געיעג,
די ליכט אַלע וואָס רופֿן אים אין וועג.

און טרוקעניש אַרום זיין קינדער־מויל
ווי גרויע אַש אויף שטיקלעך שוואַרצע קויל.

און קיינער איז ניטאָ צו זינגען שלאָף
צו זיינע גלידער — זיך אַליין אַ שטראָף.

און קיינער איז ניט גרייט אים נאָכצוגיין
ווי מיר אויף זיך מיט דעם מצבֿה־שטיין.

מיר טויטע שוין — וואָס זענען שטאַרבן גרייט
אָן אויפהער דאָ פֿאַר זיינס אַ רגע פֿרייד.

מיר אָטעם דאָ, וואָס גנבֿ'עט זיך אַריין
מיט ווינט צו אים — אַ ווייל מיט אים צו זיין.

מיר שטויב, וואָס וויל פון אונטער זיינע טריט
זיין נאָמען אויסריידן — און קאָן דאָס ניט.

און נאָכאַמאָל צו שטאַרבן אויב ער וויל
פאַר זיינס אַ רגע פרייד באַם קינדער־שפּיל.

ד י כ ט ו נ ג

אויף אַ וועג ערגעץ — איך ווייס ניט פון וואַנען,
זע איך מענטשן רייטן שטום און לאַנג.
און ווייט — אַ האַלבע ערד פון די וואָגלער
הער איך זייער גאַנג און געזאַנג.

און דער הימל איבער מיר דער בלויער
איז שטיל ווי אין מדבר דאָרט איבער זיי,
נאָר מיין טרויער אין מיר — ווי באַנאַבט פון ווייטנס —
פון מיטן טייך אַרויס אַ געשריי.

אַ גוי — דער ערגסטער צלמ'ט זיך איבער
ווען ער הערט אַזוינס אין זיך אַליין,
נאָר איך אין מיין פרומקייט בין האַרט און פינצטער
ווי אונטער מיר צוקאָפּנס דער שטיין.

די שטאָט מיט אירע גרויסע גלעקער
האָט איר זשאַווער אין מיר אַריינגעשאַלט,
און מיין רו איז די רו פון אַ שפּאָן אַ צעפּויקטן —
וואָס בלייבט פון אַן אויסגעהאַקטן וואַלד.

די זון איז מיר פרעמד ווי דער רויך פון אַ קוימען
וואָס הויבט זיך אויף איבער מיר צום פלי,

ווי אַ וואָלף אַ שאָף, האָט מיך אויפגעפרעסן
מיין אייגענע גריבלעניש און מי.

און אַ שטער זענען מיר די אויגן מיינע
ווי דער באַרג וואָס שטייט דאָ זינט אַלע יאָר,
און די פליג וואָס קריכט אויף מיר איז ברוגז
אַזוי ווי דער ווינט אין מיינע האָר.

ווי אַן אונטערגעשאָסענער פויגל אין וואַלדגראָז
וויינט אין מיר אַלץ וואָס איז קראַנק און שטאַרבט:
מיין לעבן איז אַ וואונד. וואָס מען זעט ניט —
אַ וואונד אין דער וועלט אַריינגעקאַרבט.

דאָס האָב איך גערעדט צו מיין איינציקן זון באַם שפּיל — און מער צו קיינעם ניט

א

דערווייל אַ מולטער, איבער קלעצלעך פּיר, דיין פערד.
פאַר וועמען וואַלגערהאָליץ, פאַר דיר אַ שווערד.
און נאָך איז ניט פון שטאָל, נאָר פון גאַזעט־פּאַפּיר
דער המן־טאַש דאָ אויף דיין קאָפּ באַ דיר.
די מאַמע יאָמערט,—פרעמדע פלעשער קלייבט ער אויף און טעפּ —
פאַר דיר סאָלדאַטן אויף די טרעפּ.
די מאַמע לייגט אַוועק אַזויפיל מי —
און דו צעלעכערסט אַלע טאָג די לאַטעס אויף די קני.
און דיינע שיך — איך שווער עס דיר אַז בערן צוויי —
אפילו הונגעריק, צעעפענען די מיילער ניט ווי זיי.

נאָר מער פון אַלץ (און וועמען דאָס געפעלט)
אַזוינס־אָ, פלאַפּלט שוין פון איינגעמען אַ וועלט.
ס'קעצל פירט מלחמה מיטן ביינוול־קנויל,
און ער — ווייסט גאָט מיט וועמען ניט! — און קען דאָך צו זיין מויל
קיין לעפל מיט געקעכץ ניט צוטראָגן אַליין.
שוין אָפּגערעדט פון אָפּראַמען דעם מינדסטן שטיין —
וואָס וואַרט אין וועג, פון אונטער קויט און גראָז,
אויף יעדן נאָר וואָס האָט אַ גאַנצע נאָז.

נאָר זאָל שוין זיין אַז אויסבעטלען דאָס אַלצדינג וואָס מען וויל,
דאַרף קיינער ניט. און ראַנגלען זיך דערפאַר איז אויך אַ שפּיל.
נאָר וואו איז דאָס? — פאַרוואָס זאָל איך ביז בלוט צעקיילן זיך
מיט דעם שלימזל דאָ געליימט ווי איך?

— און וואָס איז זיג? אַז דער צו העלדישקייט דערווייַלט
איז אויך אַ מת, וואָס פעלט ניט דעם וואָס ציילט.
און ווער באַדאַרף מען זאָל צוריקקומען צו ווייזן אויף פּאַראַד
אַז מ׳האָט צוויי פיס געהאַט
און מ׳האָט פאַרביטן זיי — האָץ־האָץ — אויף קוליעס צוויי, ניט
וויסנדיק פאַרוואָס? —

דער סוחר שרייט אַז ער איז דער באַלעבאָס.
און ווייל מען דאַרף צו די יאַרידן פון דער וועלט
אַ פרייען וועג — האָט ער צעשטעלט
האַרמאַטן אומעטום, וואו נאָר עס איז פאַראַן
אַן אָפּהאַלט פאַר זיין שיף, אַ גרעניץ פאַר זיין באַן.

און דער וואָס אַרבעט, וויינט. — אים פעלט דער פלעדערוויש
וואָס זאָל פון מיילן־ווייט, פון רויטשילדס טיש
אַריינשאַרן צו אים אין מויל אַריין
דאָס עסן מיטן ווייַן.
און אים, דעם קעניג אויפן טראָן
באַדאַרף מע צוהאַלטן די באַק ווען ס׳טוט אים זוויי אַ צאָן;
און לערנען אויף אַ האַרף —
אַ קרעכץ טאָן ווי מען דאַרף,
ווען ס׳טרעפט דער הענקער מיט זיין מעסער־שניט
דעם ווידערשפּעניקער ניט־אַקוראַט אין גאָרגל אין דער מיט.

נאָר דאָ טאַקע — און מיט מיין גאַנצן בלוט און אָטעם וואָס איז
היים —
איך זאָג זיך אָפּ פון אַלץ וואָס העלפט דערציען צו בייז.

און ווי געראַכט עס זאָל ניט זיין אַנטקעגן האַר דער קנעכט —
געראַכטער מאָרד איז טאָפּלט אומגעראַכט!
און קלאָרער נאָך — די שווערד פון שייד אַרויס
אפילו ווען זי שיצט, ווייל שעכטן בלויז!
און גאָרנישט מער! איך לייקן ניט — מיט אייגענע צוויי הענט
באַדאַרף מען דאָ ניט בויען פאַר זיך קיין תפיסה־ווענט;
און ברויט אַ שטיק איז בילכער פון אַ קרוין.
נאָר ווער עס שיקט אונדז שטאַרבן צוליב דעם און רופט דאָס
לעבנס־לוין:
אים שילט דער פגר פון סאָלדאַט, — דער טויטער בליק
פון דעם מאַרטירער — קרבן זיינס וואָס וויגט זיך אויפן שטריק,
און דאָס צו זען איז וויסטעניש געננג.
און בלויז דער דאָרשטיקער פון זין גערירט צעבראָכט אליין זיין קרוג.

איך ווייס דיין אויער איז אַ וואַנט דערווייל,
און איך פאַר דיר אַ הונט וואָס האַווקעט אויף אַ מייל.
נאָר כ'האָב דיך ליב — פאַרשטייסט — איך וויל אַז דו זאָלסט דאָ
אַ קינד אויך האָדעווען ווען איך בין מער נישטאָ.
און שיקן תפילות צו דער הויך
וואָס גרייכן קוימען אויפן דאַך, און שרעקן רויך,
דאָס איז מיר פרעמד, — און מיט פאַרלייגטע הענט
קען שטיין אַ כניאָק אַ ווויסטער ווען אַ שיקסע ברענט.
פאַר אים דאָס קרעפּלפלייש פון שור־הבר אינאיינעם מיט אַ
מצוה־קנייש
ווען ער וועט זיין אַ מת און ציין באַ דעם גן־עדן־טיש.

פאַר מיר דיין וואַקסן דאָ (מיין לעבן נאָכן טויט)
איז זשאַר פון גיהנום אויף מיין טעגלעך ברויט.
און בעסער לאָז מיך זיין די בלאָטע וואָס דו האַלטסט,
מיט דיינע ציין און פויסטן — ווען דו פאַלסט.

און זאָל די זון אָוועקנעמען איר שיין
פון די פיר איילן ערד וואָס זאַפּן איין
דיין בלוט פאַרגאָסן, פאַר אומזיסט.

נאָר אַש מיין איבערבלייב, וואָס אַרט מיך וועך דו ביסט,
אַז אויך דער וואָרים דאָ וואָס וויינט פון דר'ערד אַרויף
האָט אָדערן וואָס קניפּן אים צונויף —
מיט אַלץ אין מיר וואָס קער זיך אָן מיט דיר.
ווי ים־גרונט מיט אַ שיף, ווי קבר־ערד מיט גראָז און ווי די שוועל באַם טיר
מיט יעדן צווייג פון בוים, וואָס שטרעקט זיך צו דער זון אינאיינעם מיטן באַרג.
נאָר שלעפּ דעם הימל פון דער וועלט אַראָפּ און טראָג אים אויפן מאַרק,
וואָס טויג, אַז בלויז דאָס שטיקל ערד וואָס מ'האָט אונדז אָנפאַרטרויט
פאַרסמען מיר ווי אונטער אונדז די קראָפּיווע דאָס ברויט.
מיר, האַס דרייאייניקער — פּלעבייער־פּרינץ־פּאַטעט,
מיר, קאַניבאַל דאָ אייביקער באַ זיך אַליין אין אַטשערעט.
מיר, סטאַדע דאָ מיט העלדזוער און מיט קעפּ —
ווי טעפּ מיט פלעשער לײדיקע צעשטעלט אויף אַלע טרעפּ.
מיר שפּילעכלעך איבעריקע — ווי מיסט פון הויז
אַרויסגעשליידערט פון מוטערשויס.

און וואָס אַז אָט דאָס אַלץ האָט אויסגעטראַכט
די שרעק וואָס העלפט דער נאַכט
אונדז צוגעוואוינען דאָ צום לאַנגן לעצטן שלאָף.
וואָס קער זיך אָן דער סוף —
דער וואָרים אין דער ערד וואָס קריכט פון מת אַרויס
מיט דיר, דעם קינד — אָט ערשט פון מוטערשויס!

און וואָס, אז אָט־דאָס בינטל הויט
דערטראָגט שוין מיט די הענט צום פּיסק, דעם אייגענעם, א שוואַרץ
שטיק ברויט ?
וועד דאַרף דאָס אויג, דאָס שליסל־לאָך אין טיר
צום חושך אייגענעם, וואָס רירט זיך ניט אין מיר,
אפילו ווען איך מאָן
א שטויבל פון די טעג וואָס כ׳האָב געשטעלט אין קאָן
באַ אָט־דעם קאָרטן־טיש וואָס לאָזט געווינען בלויז :
געבויגנקייט וואָס שטרעקט זיך מער ניט אויס !
וועד דאַרף, איך זאָל געליימט —
ווי א געשטאָרבענער אין טויטנהעמד
זיך איינהערן צום אָטעם מיינעם — ווינט וואָס נעמט מיך מיט
צו ווערן וואָלקן־בלאָטע אויפן מאַרק וואָס בלייבט פון יאָר־יאַריד !

דער בלינדער מיינט — אַר־וואַ ! א ראָד די ערד !
און ער, ווי אויף א פור א ליידיקע, מיט אויסגעשפּאַנטע פערד !
ער מיינט — גאָט דאַרף אַרויסציען זיך מיט זיין געבורטספאַבריק
פון מוטערשויס,
ווייל אים האָט מען פאַרגעסן בריקן מיטגעבן ווען ער איז פון דאָרט
אַרויס.
און ווען אים נאַרט זיין שטעקן און ער פאַלט —
באַדאַרף מיט אַלע שטיינער קריג פירן דער וואַלד,
און טעלעגראַפן־סלופּ דאַרף זיין פאַר אים צו ווייזן פייגן צוויי
פון פּיעקעליק אַראָפּ, דעם רעגן מיטן שניי.
אין אַלע מיילער דאָ ווי פענצטער אויסגעבראָכענע — פאַרשטאָפּ,
ווייל ס׳עסט זיין פיינט, דער שטאָט־גבאי, וואָרעניקעס פון טאָפּ
און ער א הערינג בלויז
מיט זיבן ציבעלעס ווי פויסטן גרויס !

און פרעג דעם לעמעך, באַ זיין שוועסטערקינד, וואָס זעט ער מער,
צו וועלן ווייניקער ווי ער !

דער פֿענכער דאַרף אַ טייך צו שפּיגלען זיך,
און איך — מיין בלינדקייט צו דערזען — דאַרף דיך.
אים גיב אַ קאַנטשיק אַ טאָרנאַדאָ־ווינט צו אָפּשמייסן די פֿליג
וואָס קלייבט דאָס מיסט אַרום זיין מויל, ווייל זי איז הונגעריק.

דער לעמעך מיינט פֿאַר אים באַדאַרף די שטיפֿמאַמע, די נויט,
באַשמירן מיט אַ קאָך־לעפֿל דאָס איינגעמאַכטס צום ברויט,
און שטופּ (ווייל ער האָט אָנגעטאָן אַ נייעם לייבצודאַק)
די אוצרות פֿון דער וועלט ווי קרויט אים אין אַ זאַק.
און ווייל דער רעטאַך האָט אַ טשופּיק מיט אַ בויך,
באַדאַרף ער אויך!
און ווייל די בת־מלכה — זיין גליק,
נישט שפּרייטן זיך ווי שמחת־תורה אויפֿן טיש אַ קאַטשקע נאָזנדיק,
באַדאַרף מען באַ דעם בן־מלך (ווי פֿון אַ קינד די וועש)
אַראָפּכאַפּן פֿאַר אים דעם קאַפּעליוש פֿון בעש.
און פֿאַר זיין פֿערד פֿאָראויס אַן עמוד־האש דאַרף ברענען גאַס
מיט ברויט, און הערינג־פּאַס.
און אויף דער חתונה באַם קאָטער מיט דער גאַנדז — אַ וואַרע
מאַכט ;
פֿאַר אים און פֿאַר זיין פֿאַווע מיט די קרומע פֿיס וואָס ער האָט
מיטגעבראַכט.

און טויט דעם שפּילפֿויגל וואָס נעמט זיך אָן
ווען ער וויל אויסהאַקן דעם מאַרשאַליק אַ צאָן.
גערעכט איז ער — אַז קעז האָט לעבער אויך באַדאַרף מען ניט
קיין פּלייט
אָנצוטרעטן דער כלה אויפֿן קלייד.

און ניט צו דאַרפֿן גיין אין באָד אַריין
איז בעסער דאָנערשטיק זאָל שבת זיין.

און ניט זיין באַק באַם שכנ׳ס בלומענטאָפּ — דער לאָרד
דאַרף צאָלן שטראָף פאַר שאָקלען מיט דער באָרד.

נאָר שווינג אַ דונער ווי אַ גראַגער אין דער פּורים־נאַכט
פון המנ׳ען אַ ממזר דאָ, וואָס אחשוורוש האָט נישט אומגעבראַכט —
איז פּירער פון דער וועלט. און רשעות — זיין געבאָט —
פּירט אויס די פלוי אפילו דאָ, וואָס וועקט צו זוכן גאָט.
און זון און שטערן דאָ —
אַ זייגער וואו קיין ווייזער איז נישטאָ.
און באַ דער ערד — געפּין די בלינדע קישקע וואו זי איז,
וואָס העלפט איר האַרט מאַכן דאָס מיסט אין זיך — דאָס אייזן
פאַר דער שפּיז.
און מיר אַליין (אָ וואָרט מיינס, גיב אונדז קיין גוט אויג)
די הויזן אויף אַ שטריק און אויפן בויך אַ פּויק
און טויט־שרעק אייגענער וואָס הויבט זיך אויף מיט דעם וואולקאַנען־
רויך
און שול און קלויסטער דאָ מיט גאָלד אויף דאַך און טיר
פאַר אונדזער וועלט—צוויי מכות בראַנדיקע, אַ צוגאָב צום געשוויר,
וואָס רופט זיך פעלקער־שטאָלץ!

און וואַלד גיט בייטש און תליה־האָלץ,
און פאַנען־דראַנג פאַר דער מלחמה־שיף וואָס ליגט באַם פרעמדן
ברעג
ווי אויף אַ ליבעסבריוו אַ טינטן־פלעק.
און פאַרלאַמענטן — שמעלץ־אויוונס פאַר אונדזער כהן דעם
בערזן־לץ.
און וואו אַ קאַלב אַ גאָלדנס שפּרינגט מען אַרום דעם ווי רויבפיש
אין אַ נעץ.
און פעלט אויס ברויט פאַר אונדז דער שטיפמאַמע דער ערד
פאַרבייט זי דאָס מיט אייזן פאַר דער שווערד.

און שפּיץ פון שטיוול ווייזט דעם וועג פּאַראויס
צו לעבן ליכטיקן, דאָרט וואו מען שעכט אונדז אויס.
און פעלט אונדז האָניק צו דער מאָס
פון אָט די בייזקייטן וואָס ברעכן אונדז ווי גלאָז?
וואַקסט אויס מיט אויגן צוויי, ווי לעכער אויפן שניי,
דער וועלט־גולם — משיח, וואָס פּראָוועט טרייסט־געבורט מיט
שאָלעכץ פון אַן איי.
און אים פאַרקויפט ווי פון אַ קאַלב די הויט
אַ ברודער היינט אַ לייבלעכער צום טויט.

נאָר מעג איינעם משפּטן דאָס פינצטערע געשוויג
פון אַ משוגענעם, וואָס היט אַ פויגל וואו, וואָס ליגט שוין טויט
אין שטייג.
און מעג זיין מאַמע וואָס איז טויט (אפילו שוין אויף זיין חרטה־וועג)
אים נאָכגיין מיט אַ פּרצוף ווי די לעצטע טעג
פון ירושלימס בראָך.
און טרעפט אים אָן אין צעזאָרם ציִרק דערנאָך
אַ לייב וואָס לאָזט נאָך זיך
שיריים ווי אַ רבי גאָטיעבענדלעך, האָניטשעס פון שיך —
דו מיש זיך ניט. דו ווייס — פון זיינס אַ מינדסטן ריר
שמעקט מער מיט טויט ווי פון אַ טויטנצעטל אויף אַ פרעמדער טיר
אין אַ מגפה־צייט. און גרינגער איז
צו לויפן דורך אַ פעלד אַן אָפּגעשניטענעם מיט הוילע פיס,
צו ראַטעווען פון רויבפויגל, אַ שמעטערלינג וואָס פליט.

נאָר דער וואָס שוועבט מיט טשוועקעס אין די הענט צו סלופּעס
צוגעשמידט
איז אַ פאַרלוירענער! און קלייד אויף אים — אפילו פון אַ גאַסנווייב
איז ניט קיין שטאָפּיק אויף אַ פלאַש אויף זיין צעשטאָכן לייב.
און ניט נאָר בלויז דער וואָלקן אין דער הויך
באַם שיין פון שרפה־רויך —

נאָר אויך די וואַנץ אויף אונדז, באַם ליכט געזען איז רויט
ווי זון פאַרטאָג, — ווי מאָזלאָונטערגאַנג אויף קינדערהויט!

און רעד מיר ניט פון דעם, וואָס שלאָפט מיט קאָפּ אויף שטיין,
און זעט מלאכים ווייס ווי סמעטענע צו דר'ערד אַרונטערגיין.
ניט זיי, און ניט די טויב פון נח'ס מבול, נאָר דער חלף־שניט
וואָס עפנט אויף באַם קאַלב דעם גאָרגל אינדערמיט —
בעט איבער צווישן זיך
דאָס פייער מיטן וואַסער אויף דער קיך.

און סאָזשע — רעשט פון אַלעמגוטן — רייניקט אויס
דער קוימענקערער איבער אונדז, ווי נאָך אַ מת דאָס הויז.
נאָר ער — זיין בעזים שליידערט ער פון דאַך אַראָפּ,
און ניט ווי דו פון פאַרקאַנעם דיין קאָפּ.

ס'איז וואָר, איך קען דערוויל
דיר מיט אַ מעסער צוקוועטשן דעם בייל,
און שיטן צוקער אויף דער צונג ווען דו האָסט זיך ווי געטאָן
אויף יענעם אָרט, וואָס אויך דער קעניג דאַרף צו זיצן אויפן טראָן.

נאָר ניט צו שיקן דיר אַ קאַסטן שאָקאָלאַד
פאַרשרייבט מען דיין געבורטס־טאָג אַקוראַט!
עס זיצט שוין ערגעץ־וואו
באַ דיין סאָלדאַטן־ראָק אַ שניידעריונג אַ למד־וואָוו ווי דו,
און זאָל זיין האָרב אים אָנקלאָגן פאַרוואָס ער זינגט דערביי!
נאָר ווי דאָס זאָל ניט זיין פאַר ביקסן שמעלצט מען בליי,
און ווער סע ווייסט אַז ס'איז נישטאָ
קיין ווייזערס אויפן וועלטזייגער פון זון און שטערן דאָ —
דער קען זיך נעמען צייט און ווי אַ שטערנזעער פרעמדע וועלט
פון וויט —

זיך אויסמאָלן זיין גרוב — מיט בלומען אין אַ ראָד,
ווי בעזימער וואָס מ'האָט שוין אָפּגענוצט אין הינטערהויף פון באָד.

נאָר איך — פון טויזנט גריבער אָפּענע אין שלאַכטפעלד וויינט
מיין ווײ,
ווייל קלאָר איז מיר ווי איינס און איינס איז צוויי:
מיט דיינע הענט וואָס זיינען נאָך צו קליין
צו ווײ טאָן אויפן וואָר — און ווי די מאַמע, טרויבן אויף אַ טאַץ
פאַר דיר —
לייג איך אוים די רייד מיינע — די שרעק אין מיר,
וואָס רופט דיך ווי אַ שטומער פון אַ זומפּ מיט זיין געלייזמט געשריי,
וואָס וויל איך דען? — דער האָן מיט זיין געקריי
וועקט אויף מען זאָל אים שעכטן וועט מען האָבן שמאַלץ!
איך וויל, דו זאָלסט אין וואָרט מיינעם, דעם שטויבל זאַלץ,
דערזען דעם ים, און זאָלסט זיך אָפּזאָגן צו פליען אויף הייפיש
רייטנדיק,
נאָך שיפן דאָ, וואָס גייען מיט ברויט קיין האַצעפּלאַץ און פירן
ביינוול קריק!

עס וועט דיין אונטערגיין
דער פּערל אין דער טיפעניש ניט צוגעבן קיין חן,
און ווער סע בענקט נאָך ווינט און אינד־געזאַנג,
קען האָרבן גלאָק און צדקה־פּושקע ביים לויה־גאַנג.

און רופט דער פּרעזידענט — דער פאָטער אַלעמענס, ווייסט איין
גאָט ווי אַזוי,
אים שיק פאָראויס, צו זען, אַז הימל־פּלוים און פּנים הונגעריקס
איז בלוי,
באַם שונא אויך אין לאַנד! — און אַז אַ טויטנפעלד
איז אומעטום (אויך אָן געהרגעטע) אַ צירונג פאַר דער וועלט.
און די אלמנות אויך — ווי פּאָסט־פּעקלעך מיט אַ פאַרנאָרעטן
אדרעס

אויף די געלעגערס אין דער נאַכט — דערמאָנען, ניט פאַרגעס!

און זאָלן זיינע לייט וואָס העלפן די אלפאַנזן ליידיקגיין —
פון זיינע פאַנען, העמדער נייען —
פאַר קינדער וואָס שלעפן זיך אָן אָנבייסן אין חכמה־שטאָל אריין,
צו לערנען זיך (ווי אויף כפרות, עופות דאָ) צום שעכטבאַנק ראוי זיין.

און ער אליין — קען צו אַ שוסטער דאָ פאַרדינגען זיך.
— רעגירן איז קיין האַנטווערק ניט. ס'איז אַלטמאָדיש ווי סקריפּ אין נייע שיך.

און ניט נאָר קרוינען טויגן ניט, די זון איז דאָ אין קאָפּ זאָל ליכטיק זיין!

און אַ צילינדער לאָזט צומאָל קיין לופטל ניט אריין —
דאָס זאָגט די מעדיצין,
וואָס היט די פליג אפילו דאָ — עס זאָל פון איר ניט קראַנק ווערן די שפּין,
ווייל מיר באַדאַרפן שפּינוועב אויף דער וויסנשאַפט ווי צעזאַרס פּאַטריאָט
דאָס חזיר־פלייש אויף דעם מזבח פון יעהאָוואַ־גאָט.

און בלוט פאַרגאָסנס פאַר אומזיסט קען ווערן אויף העברייער אָפּגעווענדט.
ער דאַרף נאָר ווי פּילאַטוס וואַשן זיך די הענט,
און עסן (אויב ס'איז שבת) בײַ דיין טיש געפילטע פיש,
וואָס זיינען זיס ווי געסט ווי לאַנג זיי זיינען פריש.

נאָר זאָל ער היטן זיך עס זאָל בײַ אים אין האַלדז קיין ביין ניט בלייבן שטיין,
דאָס קען נאָך זיין אַזאַ מין שמחה דאָ — ס'זאָל טאַנצן גיין
דיין פריינט דאָס נענערל. — ער האָט זיך אויך געפרייט

ווען מ'האָט פאַרברענט זיין טאַטן לעבעדיקערהייט —
פאַר צוויי־יאָרן, — פאַרביי אַ בעקעריי — האָט אים דער ריח פון ברויט
אַ זעץ געטאָן אין נאָז — האָט ער געזאָגט „גוטמאָרגן" צו אַ ווייסער מויד.

ב

איך ווייס, דער זייפנבלאָז — צו פּלאַצן אין דער הויך —
דאַרף קודם שיין זיין אויך.
נאָר פּאָרט — וואָס פּאַר אַ ליכטיקייט אין דעם סאָלדאַטן־גרוב
אַז דו זאָלסט איבערלאָזן עלטערן אין שטוב,
ווי שאַרבן פון אַ קרוג אין סטעפּ בײַ אַ פּאַר'סם'טן קוואַל?
דער פויגל האָט זיין בוים, די שפּין איר נעץ, איך האָב מיין גרינע גאַל —
דעם שימל אויף דיין שטיין — דעם שומר פון דיין רו —
וואָס קוקט מיך אָן ווי דו, און ענטפערט ניט ווי דו!

דעם קלוגן און דעם שטאָטזייגער איז קלאָר אַז יענער וואָס פאַרלירט
אָן אַכטן טאָג, אין יאָמער נאָך אַ טויטן, איז פון זין געריררט.
איך שלעפּ מיין צער צו קיין דין־תורה ניט! — מיין פינצטער לעבן שטומט
אפילו ווען מען שלאָגט מיך מער נאָך ווי מיר קומט!

נאָר אונדזער קלאָרקייט — פּלאָנטער, דו מיין שטומער בעלפער, נעם צונויף
דאָס משוגעת פון גאָר דער וועלט און שליידער עס אַרויף
אויף אָט דעם מאַרך — דעם חכמה־קוואַל פון מיינע הונדערט פּופּציק פונט —
צעבראָכענעם געזונט —
און פרעג די גאַטקעס אַרום מיר, צי איז מיר ענג אין זיי

ווייל אונדזער לאַנד וואָס הויבט זיך אָן מיט זומער־ערד און ענדיקט
זיך מיט שניי
איז נאָך ניט גרויס גענוג. מיין שולד וואָס אונדזער רויך און סאַזשע
איבערפֿלוס
פֿאַרשוואַרצט ניט דעם פּאַסיפֿיק ביז צום קאַפּעליוש פֿון גאָט
קאָנפֿוציוס.
און ציט זיך ניט קיין קישקע ביז צו אונדז מיט וויצלי־פּוצלי־אויל
באַדאַרף איך אָפּשינדן באָם הינדוס די קאַמזויל,
און אויסטרינקען דעם זאַפֿט
פֿון אַלע נים וואָס וואַקסן אין האַוואַי. און שטינקט מיט נאַפֿט
אַ קאַץ אויף די באַלקאָנען וואו, איז דאָס אַ צייכן אַז דער גאַנגעס
ברענט.
באַדאַרפֿן מיר מיט קענדלעך אין די הענט —
אַ לאָז טאָן זיך פֿון גיבראַלטאַר דורך לעמבערדרעק
צום צפֿון־ים, און ברויטפֿעלדער צעטראָטענע מיט בעטגעוואַנט
און פּעק
איז — סימן־זיג, און וויוואַט—וועטעראַן ! מען פֿירט פֿאַר דיינע פֿיס
די הילצערנע, אָן אָפּצאָל שוין, פֿון האָנאָלולו קיין פּאַריז —
דעם קאַקטוס־טאַנץ. און פֿונם וואַטיקאַן
צום יויזל־קבֿר הורט מען שוין די נאָנעס אין אַ באַן.

און וועלטשמייסער מיין באַדגוי, פּאַטש מיר אויפֿן בויך.
דער סעקרעטאַר פֿון הרי־חושך־מיניסטעריום, האָט שוין אַ בייטל
אויך.
און ברענג אים גאָלד פֿון שטאָטאַבאָרט, וועט ער דיר אויסזאָגן, ווי
אַזוי מען פֿאָרט
צום צוקונפֿט־שטאַט — ניט ווייט פֿון דעם סבבטיון דאָרט,
וואו רויטע אידעלעך דריי — צו ווערן נישט דערקענט —
פֿאַרדעקן זיך די מילות מיט די הענט,
און בייסן זיך פֿאַר דאָרשט כלומרשט אַליין די צונגען אויס,

באַם ברודער־בלוט וואָס רינט ווי משחם מדבר־קוואַל פון יעדן שטיין אַרויס.

נאָר זאָל דער שלאַק טרעפן אַ וואָלף אין וואַלד!
קיין פינף זומערן איז דאָס נישט אַלט,
און קען נאָך זיין אַן איידימל אויף קעסט באַ אַ געזונטער אַם,
און איך פאַר אים — אַ זאַק מיט סם צו וואַרפן איבער צאַם
אַ „בלויען שפּענצער" אויפן קאָפּ. — נאָר יענעם קומט; ער גיט זיך אָפּ
מיט שטערנזעעריי באַם העלן טאָג. און פרעג באַ אים (ווי גרויס ער איז און גראָב)
צו וואָס אַ מאַמע האָט געהאָט מיט אים אַזויפיל פּלאָג. —
אַ ווייב באַ די בינעזער מיט אַ בויך אַ העלפט פון זיינעם אין דער וואָג
ברענגט קינדער אויף דער וועלט אַ גאַנצן האַלבן טוץ,
און אים — ווייל ער קען פייפן — כאַווע אים מיט אַלדאָסגוטס
ווי אַן עקרה יונגערהייט. און חלום (ווען דו זעסט אים) וואורשט צום ברויט —
פאַר אַ יאַריד גוים, און זאָל פון דעם אַ לויט
נאָך בלייבן פאַר אַ יתום באַ דער זייט, וואָס וויינט ווייל ער וויל אויך.
נאָר ער, — אפילו פון אַ רויך ווערט גאַרנישט אין דער הויך.
פון אים (ווען ער דערזעט מיין גאָלד אין ווינט — דיין קאָפּ)
ווערט איינגעמאַכטס וואָס רינט פון אַ צעפּלאַצטן טאָפּ.
און עפּעס בעסערס נאָך —
אַ האַרט־געשעפּט מיט פייגל זינגט אַרויס באַ אים פון זעלבן לאָך,
וואָס איז מיט קללות פול און שיר ווי אויף אַ קלויסטערוואַנט דער שטראַלן־פּוץ
אַרום אַ הייליקן—לויכט אויף זיין גוידער—אונדזער האָב־און־גוטס.

און זאָג „גוטמאָרגן" אים נאָך וואָרעמס, זייגער פיר,
באַפעלט ער ס'זאָל די זון זיך אומקערן — געריכט צו זיין צו דיר.
און דאָס געלעכטער זיינס, מיט לאַפּעס אויפן שוים,
א לייב וואָס ברילט אין צירק פון באַראַבאַן אַרוים.

נאָר אויפן וואָר — ניט בלויז דער האַס
וואָס היט מיט הייסן בליי פאַר אומרעכט אונדזער גאַס,
נאָר א שטיק האַלץ פון אויוון שלעפּ אַרוים מיט דיינע הוילע הענט,
פאַרגעסט עס אַז דאַרף דיך טויטן ווען עס ברענט.
און שאַרבל גלאָז, און שלאַנג אין ליים־גרוב — דיין פּאַלאַץ
א האָניק־בייגל מיט א קראַב אויף א שלח־מנות־טאַץ
קען אויף א האָר ניט זיסער זיין פון זיי. —
און דאָס איז ניט קיין פאָטערלעך הורא־געשריי,
נאָר רעטעניש אין גאָרגל ווי א ביין. איך זאָג דיר קלאָר —
ניט גאָט!
דיין מאַמע אין איר בענקעניש נאָך אויסלייזונג פון זיין פאַסקודנער גנאָר,
האָט אים דערלאַנגט איר האַרץ — נאַ, נעם,
האָט זי געזאָגט און מאַך עפּעס פון דעם —
ס'זאָל זיין א שיינס. און דעמאָלט ערשט, ווען ער האָט אין צער פאַרשטעלט
די אויגן מיט די הענט — האָט ער דערזען זיין וועלט
ווי מיאוס זי איז, — און האָט באַשאַפן דיך.

איצט טראָגן מיר זיין בלאָטע די פאַר יאָר אין זיך
צו גרויסן זיך (באַם בערגל ערד וואָס וואַרט אויף אונדז) מיט דיר.
און סאַראַ פרייד — דיין מאַמע, ווען א ציינדל שנייט זיך דיר,
זעט שיר ניט אויס ווי אונדזער גראָספּאַפּאַ, דער הייליקער אברהם.
ווען ער האָט נאָכגעקוקט דער „טראַיקע" אונטערצינדער אויפן
וועג קיין סדום.

און שרה — ווען ז'איז אויף דער צייט געווען —
האָט יונגער אויסגעזען
ווי איך — ווען איך דערהער דעם הילך,
פון טיר־גלעקל וואָס רופט צו צאָלן פאַר דיין מילך.

און אויפצונייען די הויזן מיינע דאָ (שוין דורכזיכטיק ווי גלאָז)
האָט מען גענומען אויף אַן אַנדערן די מאָס.
אויך דאָס מזל איז אַ מויד — סע חוזק'ט אָפּ פון דעם
וואָס קומט מיט גאָלד פון זון און שטויב — אַ באָרוועסער בעל־שם.
און איך — אַ חוץ מיין אוצר דיך — האָב אַלץ, אַ צונג אין מויל,
אַ קאָפּ מיט הענט און פיס — נאָר איבער מיין קאַמזויל
פעלט אוים די קייט פון דעם מאַגנאַט ווי אונטער מיר זיין פערד
וואָס דאַרף מיך טראָגן — זען די וואונדער פון דער ערד: —
אַ קאַראַוואַן וואָס שטאַרבט אין פייער־שטורעם אין דער וויסטעניש,
אַ וויַיסן בער אויף אייז — אַ פוס פון אַ פריצייטיקן מאַרטירער טיש,
אַ לייב פון שטיין וואָס קושט אַ לאַם — אין גאָרגל — אויסגעשניצט
פון דעם־און־דעם נעבעך, וואָס האָט צוליב דער וואָר געלויזט
זיך און געשוויצט
אַרום די פּיראַמידן זיבן יאָר, און פאַרצן באַ דער וואַנט —
באַם האָרב פון דעם אָקטאָפּוס־מאָנסטער, הייליק לאַנד.
וואָס ציט צו זיך מיט לאַפּעס שטעג און וועג, די פעלקער פון
דער ערד,
צו פרעסן זיי מיט תורה־צלם האַלב־לבנה־שילדן פאַר דער שווערד.

און איבער לאַץ די העלדישקייט — אַ גענעראַל־מונדיר
להכעיס דעם וואָס האָט אַ דאָפּלברוך און אַ סטימול פאַר דיר —
זאָלסט אויסוואַקסן אַ קאַרליקסענדער־באָנאַפּאַרטע דאָ,
באַ וועמען ס'איז צוליב זיין מאָרדגעשעפט קיין צייט נישטאָ
צו אויפעסן דעם ראַץ — געכאַפּט מיט אייגענע הענט,
ווען מ'האָט אַ האַלבע ערד מיט ברויט, לויט זיין באַפעל פאַרברענט.

ג

איך ווייס אז פאר דעם פנקס־שרייבער דאָ וואָס דאַרף פרנסה אויך—
בין איך דער פוקס וואָס זוויערט איין די טרויבן אין דער הויך.
דער פאָטשטאַליאָן איז קלוגער נאָך — ער זעט אין מיר דעם
פינצטערן מיש־מאַש
וואָס ווערט אַריינגעשטופּט פאַר כאַגע אין זיין טאַש.
נאָר פרעג דעם שטאַט־משוגענעם — מיין וואָרזאָגער — וואָס
דאַרף ער אויף פּאַפּיר
מיין נאָמען זען — אז יעדער נערוו אין מיר
איז גוף געבויגענער, וואָס שלעפּט זיך קניענדיק
צום פויפּסט דעם הייליקן, וואָס וואַרט פון גאָטסוועגן אויף
עשאַפּאָטן־גליק.
און וואָס איז נעראָנס נאָמען פאַר דער וועלט? וואו איז פאַראַן
אַ הערשער, וואָס איז ליכטיקער ווי אָט דאָס קינד? וואָס קומט
ניט דער טיראַן
זיך לערנען ווי אַזוי צו מאַכן אונטערטעניק זיך
די פעלקער אַלע דאָ, ווי ער זיין מאַמע די פאַראייניקטע און מיך!
וואָס זעט מען ניט דאָס טעפּל מיט דער פלאַש, די זעלנער זיינע צוויי
און זיין מלחמה־שפּיל וואָס טוט ניט קיינעם וויי?

נאָר ווי אַ שיף וואָס זינקט פאַרגייט דיין קול.
דער נעפּל אויפן ים פאַרמערט די שרעק אויף טויזנט מאָל.
דו שטייסט אויף ערד — און וואָס דו זעסט איז דאָ,
דיין אויג דאָס דריטע—רעטונג צו דערזען איז נאָך דערוויל נישטאָ.
און ראַנגלסט זיך אומזיסט צו רואיקייט. — דיין אויער הערט
אין דיר —
אַ פרעמדן הונט וואָס גראַבלט זיך אין טיר.

און העלף דעם פויגל אויסזינגען זיין קלאָג—ער זאָל דיין חבר זיין—
ער וועט ניט פליען צו דיר אין האַנט אַריין.

און ווינט האָט ניט אַריינגעניִיט —
אין קעשענע צו זיך דיין פינגערהוט מיט פרייד.

און טאָג איז בילדערבוך — נישטאָ קיין ענטפער דאָרט —
פאַר דעם דערוואַקסענעם אפילו, ניט דער אַנדייט פון אַ וואָרט!

נאָך מער — דעם דינסטן שטראַל צענעם —
דיין בענקעניש צו גוטסקייט—פוקס וואָס רייסט זיך פון דער קלעם—
וועט טויטן זיך אַליין, אַ רגע פריער, און זייגער דרייצן איז נישטאָ—
אין וואונדערלאַנד פון קינדער אויסגעחלומטן. — דיין שכן
בלויז איז דאָ,

וואָס שעכט אַליין זיין שווייַן,
און קען אויך שעכטן דיך, ווען ער וועט שיכור זיין פון גוטן ווייַן.

דערווייל איז ניט קיין מילשטיין וואָס ער וואַרפט דיר אויף
דיין קאָפּ אַרויף,
נאָר רעשט פון אַ ציגאַר — און ברוגז מעג ער זיין פאַרוואָס דו
מאַכסט ניט אויף
דיין מויל דאַביי. ער זאָל (ווי משה זיך אַליין) דיר אויסברענגען
די צונג.

און פערד און אויטאָ אויפן גאַס — סיגנאַל פאַר מיר צום
אַקראָבאַטן שפּרונג —
וואָס ציט מיך הינטער דיר אין ראָד אַריין.
די פליג אויף מיר וועט זיך אַליין שוין מציל זיין.

ס'איז וואָר, איצט שטייסטו שוין אינגאַנצן אויער דאָ, ווי איך אַזוי.
און דיינע אויגן אויך (געדענקמירלעך דער מאַמעס) זענען
גרויס און בלוי
ווי מיינע ווען איך שטרענג זיי אָן צו זען וואָס מ'קען ניט זען!

נאָר טאַנץ אויף גלאָז, מיין דערוויש גלויביקער — קיין נס וועט
ניט געשען !
און זאָל זיך נויגן דאָ פאַר דיר די גאָטהייט פון דער וועלט
אינאיינעם מיט דעם שטיין (איר אייביקייטס־געוויסן אויפן
טויטנפעלד)
איך האָב זיי שוין געזען זיך נויגן אויך אין טויטנטאָג־פּאַראַד !
און קעפּ פון עלטערן וואָס האָבן זין געהאַט
ווי איך האָב דיך. — און רוף אַהער דאָ איצט דעם האַר פון טויט,
עס האָט זיך שיר געדאַכט ער זיצט און שינדט די שוואַרצע הויט
אויף זיך אַליין, ווי אַ מצורע ביז צום ביין.

און אַרום אים — ניט אויגן פון געוויין,
נאָר פונקען פון אַ קופּע זעק וואָס סמאַליעט. שטיקעניש פון רויך
וואָס קריכט אַרויף אין טעג אין פינצטערע צו פאַלן פון דער הויך.
און ווער האָט זיי געבענטשט ! — אַ פּיסק וואָס רעדט מיט גאָט
צו שענדן זיך אַליין ווי קראַנקע זנות־מעטאָר,
און אויך דער האַר פון זיג — מיט הענט ווי זאָדיקפּלייש
צעשמאָלצן פרעך
האָט ער באַצירט מיט שמאַטקעלעך און בלעך
די סאַמע וואונד — דאָס האַרץ ! און דו דערזע אַזוינס און זיי
ניט גרייט
צו קניען פאַר דער הור, וואָס נעמט דיין זרע (טאַטע־
באַלמעלאָכעשקייט)
ווי אַ פאַרשוואַרצטער אויוון פּריטיק קאַלעך פון אַ באַרשט.

אַ נחת מיר — וואָס דו האָסט זיך דאָס פּרצוף דיינס באַעפּלט
און באַקאַרשט
ווי מוידן ביז חלשות רויט — מיט שמיראַכץ אין דער פּרי.
דיין מאַמע זע — עס האָבן די געטריישאַפט מיט דער מי
ווי בעטלער צוויי בשותפות אַ געגנבעט ברויט — איר לעבן
אויפגענאַשט !

און איך — פרעג אָן באַם קאָרטן־שפּיל ווען מ׳האָט שוין אויסגעטאַשט
פאַרוואָס מיר קומט אין ביידע הענט אַ מכּה מיט אַ פייג!

ס׳איז וואָר — מיין קאָפּ דער טויב־שטומער קען טראַכטן —
ווען איך שוויג:
אַז מיר איז אַלצדינג רעכט. — — —
און אויך די זאָרג — זי האַלדזט מיך זינט דעם טאָג פון דיין געבוירן, גאַנצע נעכט,
להבדיל, ווי אַ דינסטמיידל אַ יונגס, אַ נאַקעטן הוזאַר.
און פון די טעג איז אָפּגערעדט—זיי גיב ווי פּאָליציייניקעס באַבאַר—
דאָס לעצטע שטיק געזונט, און וואָס סע בלייבט פאַרנוץ
צו פאָרשן היגיעניש־זוויסנשאַפטלעך גאָלדן ווינדל־שמוץ. —
און פריי זיך מיט דעם רייטערמאַן וואָס האָצקעט זיך
אויף זיינע הענט, און גראַבלט נאָז מיט אויג און פּאַטשט אין פליך,
און מאַכט אַ גוואַלד וואָס האָסט אויך אויערן צוויי —
און לאָזט זיך ניט קיין פּאַטשערקעס אַריינשטופּן אין זיי.

נאָר שטופּ אַריין פון זיבן דערפער כּאַמעס אין אַ קלויז,
דער פּלי פון תורות אויפן גאַס אַרויס —
איז האָצאַצאַ־געזאַנג צו דער בהלה איצט באַ מיר אין מיין געמיט.

דעם בעטלער פעלט דער אוצר זיין געחלומטער צום סוף פון יאָר־יאָריד,
איך גיי אהיים און שוויג —
מיט דעם וואָס כ׳האָב געבראַכט — אַ פויגל אַ געפּגרטן אין שטייג.
און מיר פאַראוים — אַ וויסטע שדים־שפּיל —
אַרום אַ פּוסטער מיל.

און הימל — בוידעם פינצטערער מיט אַ צעבראָכן דאַך.
און אורמאַלפּע מיט אַ לאַכודרע פּונם מאַרס שפּילט שאַך —
אין קעלער, אין דעם פּראָסטיקן — מיין זעל. מיין ווי פּאַר זיי —
איז איינגעמאַכטס צום טיי.
און ווי פון רחל׳ס גרוב אַרויס — באַ מיר אין איינגעווייד—געוויין
פון אברהמס באָבע אויך — מען האָט ניט אויסגעקריצט איר
נאָמען אויף אַ שטיין
צו ווערן ביבל, יעהאָוואַס פייגנבלאַט —
אַרום דער ערלה, דעם האַראַמאַט פון היינטיקן פּיראַט.

און פישע־פּיישע איינִיקל אין טויזנט יאָר — פּישפּעצקי הייסט
ער שוין,
און מאָנט (צום תהלים וואָס ער סקריפּעט אויף אַ פידל) דודס קרוין
צו צירן מיין ירושה, דעם מיקראָב,
וואָס העלפט פאַרגרעסערן דעם שכינה־פּאַרך אויף זיין
דערלייזער־קאָפּ.
און אַ מלחמה גיב אים אויך — ער דאַרף זי פאַר זיין קנעכט
וואָס האָט אַ ווייב. און וועלט האָט נעכט —
מיט שטערן איבער אונדז וואָס זיינען בלינד ווי קרעץ אויף אַ
מצורע׳ס הויט —
און זיס ווי שיר־השירים צימצעדרים און שטאַרקער ווי דער טויט.
אין הויכן, איבער טורעם־שפּיצן־ציין פון אונדזער מאַמאָט־קנויל
וואָס רופט זיך מויז און מענטש און איז אינגאַנצן מויל
וואָס פרעסט אַליין זיך אויף אין אָט דער שטאָט וואָס שטופּט
אַרויס די וועלט.
און פון דער הויט, דיין אייגנס פאַבריציר, (ווי דורך אַ כשוף)
דירה־געלט.

און וואָלקן טאָר קיין זעגל־שיף ניט זיין — דאָס איז קאָנטראַקט
געשלאָסן מיט די קאַרוסעלן פון דער וועלט וואָס דאַרפן זיין געפּאַקט.

און דו, דאָ איצט — וואָס ביסטו מיר? אַ פונק באַרג סיני־אַש —
וואָס ווײַנט אין מיר ווי נאָך אַ מת פון הויז אַרויס — די
מעדיצין אין פלאַש.
אַ טרוים פון זומער־וואַרעמקייט פאַר מיר דעם גרויסשטאָט־עסקימאָז.
אַ שיף אין שטורעמווינט געזען אין נאַכט־אַזיל פון אַ מאַטראָז —
וואָס ליגט אַ גוססער. איך ווייס ניט וואָס ס'איז פרי און וואָס
ס'איז שפּעט.

און פרעמד איז מיר דער קוויטיקער פּראָפּעט
וואָס שלאָגט דעם ווינט מיט זײַן געלײַמטער פויסט.
נאָר זיבן זונען ליכט אַרום דער האַנט וואָס לויזט
אַ פרעמדן הונט באַם שוועל;
— און דאָס איז דער סך־הכל פון מײַן זעל!

און קוק אויף זיך ווי דורך אַ שפּאַרע פון ראַלעט —
די זון צומאַרגנס אויף אַן אויסגעלײַדיקט טויטנבעט.
נאָר ווי דאָס זאָל ניט זײַן — און מעג די צייט, די קליפּה ווי
אַן אַלטן זאַק
צעטרענען אויפן פּאַפּ דאָס העמד און אויפן רב דעם לעצטן
לײַבצודאַק,
און מעגסטו זען אַפילו ווי די רשעות שניצט —
פון מײַנע בײנער אותיות פאַר נײַע לוחות וואָס זי דאַרף שוין איצט.

נאָר אויג צו אויג, און האַרץ צו האַרץ,
און זאָל דאָס שטיקל ברויט, מײַן אײַנגעדאַרטס,
אינאײנעם מיט מײַן עלטער מיר אַן עדות זײַן:
איך זאָג זיך אָפּ! — און זאַמל אײַן
דאָס גאָלד פון גאָר דער ערד,
אַ שייסטער אַדוואָקאַט ווייסט אויך שוין הײַנט אַז דאָס איז
גאָרנישט ווערט.
און סוף כל סוף — אַפילו ווען דײַן זײַן

גיט מיר די גאַנצע וועלט מיט אין מיין גרוב אַריין!
וואָס טויג דאָס מיר? אַז ווי דער האַרבסט פון אַלע דעכער רינט
דאָס בלוט פון רשעות אין די אָדערן פון דיר, מיין קינד.
און ווען אַפילו שוין דו ווייזט מיר מיט אַ טרער
די קוקלע, די צעריסענע — דיין אָנהויב מאָרד־באַגער.
און דו — ווי אַ מתנה דורך דער פּאָסט שיק אָפּ צום גולם
האַק־און־ביים,

די זיבעציק חכמים פון דער וועלט וואָס זוכן אַ באַווייז:
אַז מע באַדאַרף דעם עפּל איינטיילן אויף צוויי —
ס'זאָל זיין פּאַרוואָס — מיט פּויסטן און געשריי
צו שינדן זיך פון פּנימער די הויט.
— מיין העלפט איז רויט. — מיין העלפט איז שטאַרקער רויט!
— איר האָר, דו קנעכט. און איך איז הונט, און שווייַן איז גוי!
און רעדל זעט אַ פייער טראָגט מען אונטער שטרוי,
ווערט דאָס אַ שטאָט, אַ לאַנד וואָס קוילעט זיך און ברענט!
און פאַרב אויף לייוונט מאָלט די גרויזאַמקייט פון הענט —
ווי מאַרגנליכט וואָס ברענגט אונדז פרייד, און ווער ס'איז קראַנק—
זיצט אויפן שפּיץ פון נאָז בא אים ווי אויף אַ באַנק
דער טויט, און העלפט אים זען די זיילן פון דער וועלט
וואָס ברעכן זיך ווי גלאָז. און ווען מען יום טוב פעלט
דער רופט עם וועלטשמערץ, אויפגאַנג, בענקעניש צו געטלעכקייט,
צופאַל.

און ווער עס זוכט דעם נביא אין שטאַל
און האָרכט דערוויייל צום קאָטער אויפן דאַך,
און צו דעם וואָרט — דעם צייטונגס־פּאַך
וואָס פּרעדיקט מאַסנמאָרד, און שמעלצט לכבוד זונטיק פּאַר
דער ערד

אַן אַקעראייזן פון דער שווערד —
וואָס הענגט אַרום די לענדן (ניט אויף אים) נאָר אויף זיין פּיינט.

און ער — דערווייל זעט בלויז דעם איידלשטיין וואָס שיינט
אויף יענעמס האַנט. און ווי די לעצטע לויז
פון העמד באַם טויטן ווײנט דאָס האַרץ פון אים אַרויס.
און ווי אַ קאַליע איי —
דער זיפּץ וואָס קומט פון אים — עס טוט אים וויי,
פאַרוואָס ער קען דאָס ליכט ניט אויסנאַרן באַם טאָג,
צו קענען, דעם וואָס קויפט, באַפּעלשן אויף דער וואָג.

און יושר פאַרן צירק אין דרויסן שרייט — איך אָטעם נאָך,
און וועל אייך ווייזן ווער איך בין! און ווער עס האָט אַ לאָך
אין קעשענע, דער נייט זי צו און שטופּט אַריין
אויב ער האָט גאָרנישט ניט, אַ טרוים פון גאָלד עס זאָל אים גרינגער זיין
צו טראַכטן וועגן גרוב. און ווער עס שטאַרבט, דער ווערט געזאַנג,
און טשאַד פון יאָרצייט־ליכט און גלעקערקלאַנג.
און ווײנט און וואָלקן אין דער הויך
האָבן ניט קיין צייט — און זיי ווי אַ משוגענער לויפט נאָך דער רויך —
פון באַרג וואָס ברענט פון קאַלכאויוון, פון פייער הינטערן טעפּל אויפן קיך —
וואו דריי קאַרטאָפל דרייען זיך, און שטופּן זיך, און קאָכן זיך —
ווי מיר מיט די ביליעטן אין די הענט צו פאָרן, גיין און זען.

און ווער ס'איז אויף אַ חתונה געווען
ווייסט אַלץ — אַ שפּרונג צום פידל־סקריפּ.
אַביסל טרוקעניש פון אונטער האַרץ און ריפּ.
אַ בליק אויף זיך אַליין — בעת מען טוט זיך אויס
אַ נאָוואָבראַניעץ פאַר דער מאַכט פון מוטערשויס —
וואָס דאַרף סאָלדאַטן אויך, און נאָכדעם ווי פאַר פיש אין טייך פאַר אַלע גלייך —
אַ נעץ געפלאָכטענע פון טעג מיט זאָרג און יאָר

כאָטש נעם אַ חזן ווער! און שטעל צונויף אַ כאָר
פון הויז־חיות וואָס מאַכן מו און מע!
און נאָכדעם ווי אַ טויטער אויף אַ בוים — די צונג אַרויס —
און בליע! —

איך זאָג דיר קינד:
אויף פּאַרמעטן פון קעלבער קריצלט מען מיט טינט.
דו שינד מיר אָפּ אַ האַנט, און אויף דער הויט מיט פייער שרייב,
און וויקל זי אַרויף (ווי גאָט זיין לעבנס־שפּיל אויף מאַן און ווייב)
אויף שטעקנס צוויי — אַ תורה פאַר דער קאַץ.
זי זאָל ניט עסן ביז מען ברענגט נישט אויף אַ זילבער־טאַץ
דאָס קעפּל פון דער מויז.

און אויך די צונג מיינע, דו לערן זיך בא דעם וואָס רייסט זי אויס
מיט הוילע הענט באַם אָקס — און זאָל דער הונט —
וואָס פרעסט זי אויף, זיך זען אינגאַנצן וואונד,
ווי איך מיין לייב און לעבן איצט וואָס גריזשעט מיך
פון קאָפּ ביז צו די פּיאַטעס דאָ וואָס וויינען אין די שיך. —

ווער דאַרף מיך דאָ? דער רויבער היט זיין מעסער אונטערן פלאַשטש,
און איך פאַרדעק מיט ליפּן ווייך ווי יאַבעמאַשטש
די ציין וואָס איך פאַרקריץ —
צו קענען בעסער חלומען דעם טויט וואָס קומט פון בליץ.
די וויסטעניש פון וואָלקנבראָך! —
און וואָס איז מיר די שפּיל דערנאָך —
פון רעגנבויגן דאָ! פון זון אויף מיין געזיכט —
אַז איבער מיר דער הענגלייכטער מיט זיינע חלב־ליכט,
באַצירט דעם האָרב פון רב, און די לבנה איז אין מדבר־שטויב —
אַ לאָמפּ פאַר דעם שאַקאַל וואָס וויינט און גייט אויף רויב.

איך ווייס מיין זון, ס'איז ניט אינגאַנצן אַקוראַט
וואָס כ'האָב אין וואָר צו זאָגן דיר געהאַט.

עס דאַרף דער האָניק זיך ניט גיסן ווי אַ וואַסערשטורעם.
און פרייד? — דאָס סטענדל אויך פון קינדערהעמד איז קורץ.
נאָר פון דער זון באַלויכטן בלישטשעט עס
ווי גאָלד — און דאָס אַליין איז שוין אַ שטיקל נס!
און ס'לעבן דאַרף ניט זיין כסדר מויזן־עק
דעם קאָטער באַ די ציין צו האַלטן, ווי עס האַלט דער ברעג
די וואַסערן. און וואָלקן איבער אונדז מיט בליץ און רויך
איז ניט קיין וואָך — צו היטן שטערנציממעס אין דער הויך —
פאַר דעם וואָס לייגט זיך הונגעריק! און ווער עס גייט צוריק
צו זוכן זיך אַליין דאָס קינד אין וויג —
ער מוז ניט טאַנצן גיין ווען ער געפינט אַזאַ ווי דיך
וואָס זעצט זיך אָן אויף אַלע אַרום זיך,
מען זאָל אים היטן ווי אַ היילִיקטום, ביז ער אַליין
וועט קענען עסן פיש געהרגעטע מיט כריין,
און זאָגן אַז דאָס בייכעלע טוט וויי.

נאָר ווי דאָס זאָל ניט זיין — ווי איינס און איינס איז צוויי,
אַזוי איז קלאָר: — ביסטו נישטאָ, בין איך נישטאָ!
פאַראַן געשטאַלט מיינע וואָס וויגט זיך דאָ
אין טייך אַנטקעגן מיר, — באַם שפּיגל־גלאָז,
אין בלאָטע אויפן גאַס, צו מיין פאַרדראָס.

נאָר איך פאַר זיך אַליין אַ שאָטן בלויז,
אַ זאַך וואָס דאַכט זיך אויס;
אַ קראַנקע גריבלעניש פון אונטער קאָפּ מיט האָר,
אַן אויסגעריבן בערשטל שוין צו אַלע די גוטע יאָר!
איך בין דאָס איינער אויך פון יענע לייט —

וואָס היטן אָפּ — ווי דער צום טויטפּאַראורטיילטער די צייט —
עס זאָל ניט זיין צו קלאָר דאָס ליכט פון זייער אמת —
דענקער־מאָנאָפּאָל.

זיי פאַבריצירן רעטעניש מיט האַרטן שטאָל
ס׳זאָל הילכן ווען מען עפנט עס ווי אונטער מאַלפּע־ציין
אַ הוילע נוס. זיי מיינען אַז ס׳איז שיין —
מיט פנימער וואָס זיינען שיר ווי זאַפראַן געל —
צו דרייען זיך ווי הינט באַנאַכט אַרום אַ פרעמדער שוועל,
אַרום דעם וואָרט וואָס איז פאַר זיי אַ הויז פון פאָרנט מיט אַ טיר.
מען זאָל אַריין דורך איר. —
און הינטן מיט אַ טיר, מען זאָל ווי קאַץ און מויז —
צוריק אַרויס,
און נאָכאַמאָל אַריין.
זיי מיינען אַז דאָס אויפגעשריבענע קען אייביק זיין,
ווען מ׳טוט עס אָן מיט רונדקייט פון דער זון וואָס וואַרימט אייז
און דרעק.

פאַר מיר איז אויפן טיש דער מינדסטער טינטן־פלעק
אַ וואָלקן רייד וואָס הויבט זיך אויף ווי רויך,
און קערט זיך אום מיט בליצן פון דער הויך. —

און שטיין געשליידערטער קומט אויך צוריק אַראָפּ,
און פייגל שטעלן זיך אויף ביימער אָפּ.
און אַלצדינג אַרום זיי איז אפשר ליכטיקייט
פון זיבן פאַזשן אַרום קעניגס קלייד.

נאָר וואָס איז וואָר, אַז ס׳מינדסטע גרעזל פון דער וויִיט ווערט בלוי
ווי די פאַנטאַזיע מיט כל המינים־גוטס — אָן אָנהאַלט־שטרוי
אין וויסטעניש, אַ ים. דעם גרעזל איז באַשערט
צו שטאַרבן בא זיין ערד.

מיר האָבן פּיס — און אויב דו טוסט א שפּאַן —
ביסטו פאַראוים. וואו אָבער איז פאַראַן
אזוינס וואָס איז—נישטאָ דאָ—נישט ערגעץ־וואו—נישט דאָרט!
נאָך מער — דאָס לעצטע שטיקל אָרט, —
פאַר מיר אין טויטנפעלד נעם צו,
און שטעל אוועק די וועלט — זי זאָל ווי דו
ארויפקוקן — וואָס טויג דאָס מיר, אז אַלץ איז זייפנבלאָז!
און וואו איז מאָס?
אז גאַרנישט אויב ס'איז עפּעס, איז עס מער פון מיר —
אָן דיר — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —



משה לייב האַלפּערן, זיין פרוי רויזעלע און זייער בן יחיד אייזיק.

אָנאָ 1908

(ווייל די היסטאָריע האָט ליב
אייביק אַזוינס וואָס איז מער גישטאָ,
קער איך זיך איצט צו מיין
לאַנדסמאַן אום;
אונדזער אָדם אין אַמעריקע דאָ.)

צוואַי־אַ־האַלב ראַניש איז האַיסט עס אַ טולאַ,
אין צוואַי־אַ־האַלב גראַצער זענען אַ צענט,
האָב עך שוין פּאַדינט האַאַנט צוואַי־־אַ־האַלב ראַניש
מיט די צוואַי־אַ־האַלב גראַצער וואָס כ'האָב אין די הענט.

עס עך מאַ קוידעם פּאַר דראַצן צענטן
אַ טאַיערן מולצאַט אין עוועניע אַ,
די באַלבוסטע אַלאַין דאַלאַנגט מאַ דעם לעקאַך
צים טאַי פון אַ זילבערנעם סאַמאָוואַר.

זי ריפּט דוס קעיק — נאָר עך שעם זעך צי זוגן,
אין עך לאַך איר גלאַך אין פּונים אראַן;
„דראַקעס־קאַקע"*) שטאַיט אונגעשריבן
אויפן פּאַפּיר וואוס וויקעלט עס אַאַן.

מאַן פעטער שמאַיאַנקל וויל מעך לערנען
דו דאַרף מען זאַן — זאָגט ער — וואוס אין דער קורט,

*) Drakes Cake

נאָר עך מאַך שוין בעסער פון עם. עך פּעדל
אין מע קויפּט באַ מיר טאַקע וואָל כ׳האָב אַ בורד.

אין אַפּילו דעם פּאָליצאַיניק געפּעל עך
מיט גיטן זוגט ער מיר — טרוג זיך אופּ;
די האָסט — זוגט ער — קעשענעס פיל מיט „מאָניע"
די הויזן גליטשן זעך דיר אַרופּ.

נאָר זאַן ליבן נומען אַ דאַנק — בין עך טאַקע
וואַזט אוים מיטן רעכטן פּיס דו אַראָן;
עך האָב שוין אַ קניפּל, ווי זוגט מען דאָרטן,
לעוואַי ניש ערגער, בעסער מעג זאַן.

נישקושע — עך קען מאַ שוין אויך פאַרגינען
אין אַ מואַוועגפּיקטשע אַראַנצוגאַין,
נאָר עך גאַי מאַ בעסער געשעפטן באַקיקן
סע קאָסט ניש און ס׳איז אויך זאַיער שאַין.

אין עך שראַב טאַקע מאַנער — אין יוראָפּ מאַינט מען,
אַ גלעזל וואַרעמס מיט ציקער איז זים,
דו וואַיקט מען זעך, שראַב עך, איידער מע לאַיגט זעך
מיט אָקריפּ די בורד מיט די פּים.

עך מאַין בולילע, מען דאַרף ניט קאַן לאַבטער,
צי זוכן דו צורעס באַ אַרימעלאַט;
נאָר אַפּילע אַ בעטלער דו שאַנט קאַנהאָרע
ווי באַ אינץ אַ נעגידיסטע אויף דער צאַט.

נאָר עך זוג אַך דעם עמעס. עך גלאַיב מיר גורניש,
אַז עך בין נאָך טאַקע עך אויף דער וועלט.

בא מאַן פעטער שמאיאַנקל בין עך אַ דאַטשל
און׳עקטאַ בין עך וואָס האָט זיך פאַשטעלט.

מאַן שטאַפער קאַפעליש האָיסט באַ עם „דויבע"
און ער פאַסט מיר זוגט ער גרויסאַרטיק שאַין;
נאָר די הויזן — ביז עכ׳ל וועדן גרעבער
זאָל עך — זוגט ער — דאַוואָל נאָך אויף שלאַיקעס גאַין.

נאָר עך וואַים שוין. עך וואַים. דו אז מ׳האָט ניט קאַן מאַלקע
עסט מען פורימקוילעטש צים סאַידער באַנאַכט,
עך זוג ניש כאָלילע, פאַרקערט, סע געפעלט מיר
אין אַמעריקע ווערט מען איבערגעמאַכט.

אָט אַ שטאַיגער דער רעבי רעב אַאַרן מאַנער,
אויפן פיסק געפעכנעט צענמאָל אַ טוג,
דו טרעף עך עם — שטאַיט ער אין וועגט געקאַיוועס
ווי פלאַיש פין באַהאַיימעס אין גאַס אויף דער וואוג.

דאָרטן — פאַר הוידען־זעך שמאַסט מען קינדער
דו הוידעט מען זיך אויפן שטיל וואָס מע זיצט,
אין גיסט זעך בליט ווען מע שלוגט זעך לאַכט מען,
אין מע וואַזט די גאָלדענע צאַין וואָס מע קריצט.

דו פורן דאָך טאַקע אויסגעפּיצטע אַלע
צי לעוואַיעס אַפילו אין אָטאָמאָביל,
אין מיט קינדער זוגט מען, איז אויך דו בעסער,
מען קען דו האָבן צוואַי אַז מע וויל.

אין וואָרטס נאָר. עין לאָזט מעך די הענט נאָר צעפירן
עך בין מיטן רעכטן פיס דו אַראַן;

כ'על נאָך זאַן דו אַ פּרעזידענט אין דער סאָסאַיטע
אַ ראַקענפעלער וועל עך נאָך זאַן.

עץ מעגטס מיר נישט גלאַיבן — עך וואָס שוין אפילו
ווי סע געפינט זעך די בוד דו אין שטוט;
אַז סע שטאַיט דאָרט אויף לושענהאַקוידעש מיקווע
קען דאָך זען אַ בלינדער אַז דוס איז די בוד.

און זאָל נאָר מאַנע האָבן אַ צווילינג
וועט עץ זען אַ שאַינס וואָוס כ'על אופּטין מאַן שווער,
עך פיר עם פון קעסלגאַרדן מיט בילנאַידער
מיט קלעזמער ביז צי מאַן טיר אַהער.

אין עך גיב אים ווי ברויט פון אַ דאַיזשע באַם אויוון
האָצקען די אייניקלאַך אויף די הענט:
אין זאָל עך מעך דעמאָלט נאָר וועלן פרעגן
וואָוס מאַינט דוס „גרעמפּאַ, גי מי אַ צענט".

אין ער וועט שוין דעמאָלט חרטה האָבן
וואָוס ער האָט מעך אין דער האַים באַרעדט;
אין אַזוי מיט אַ שטעכווערטל וועל עך עם פרעגן,
צי וויל ער נאָך פאַר זאַן טאָכטער אַ גט.

אין דר'ערד וועט ער זוגן זאָל גאַין דוס יוראָפּ
אינאַיינעם מיט פראַנציאָסל'ס קרוין,
אין אַרויסנעמען פּאַפּעיפּערס וועט ער
אין בלאַבן ווי עך, אַ היגער שוין.

ווי לאַנג וועל איך שטיין

ווי לאַנג וועל איך שטיין און זיך וויגן אין רעגן אַזוי,
וואָס גייט דאָס מיר אָן וואָס סע ליגט אויף דער ערד דאָ אַ פרוי
באַם שיין פון אַ גאַסנלאַמטערן אין אָט־אַזאַ נאַכט!
אָט־ערשט הינטער איר האָט מען דאַכט זיך די שענקטיר פאַרמאַכט,
און איך האָב געזען ווי זי שטעלט באַם לאַמטערן זיך אָפּ —
מיט הענט און מיט אַקסל וואָס הענגען אויף איר ווי דער קאָפּ,
כ'האָב אַפילו געהערט ווי זי ציטערט און קלאַפּט מיט די ציין —
און בעט מען זאָל קומען און וואַרפן איר זאָל מען אַ שטיין:
— איר מאַמע אַ דינסטמויד, אַ פינצטערער דאָרף־סאַמעוואַר
האָט געלאָזט מיט אַ שטיוול צעבלאָזן זיך פון אַ הוזאַר,
ווייל די וועלט דאַרף אַ הור וואָס דערוואַרעמט ווי ביליקע טיי,
מיט ליפּן געפּאַרבטע און לענדן געשוואָלענע צוויי.
זיי האָבן זיך ביידע ווי הינט ערגעץ דאָרטן געפּאָרט,
און זי מוז זיך וואַלגערן דאָ אָן אַ היים, אָן אַן אָרט,
און איר נאָמען — אַ פּאָסט־פּעקל וואו דער אַדרעס איז פאַרשמירט
אין אַ הינטערגאַס מיסט אויפן וועג וואָס אַ שקאַפּע פאַרלירט.

אַזוי האָט די פרוי באַם לאַמטערן אָט־אָקאָרשט גערעדט,
און געקריצט מיט די ציין און אַליין זיך דאָס פּנים געגלעט,
און אויסגעשטרעקט נאָכדעם די אייגענע דאַרע צוויי הענט,
צו איינעם אַן אַלטן, אַזוי ווי זי וואָלט אים געקענט.
און וואָס האָט דער אַלטער געטאָן? ער האָט געשאַרט מיט די פיס
און האָט איר געוויזן ווי גרוי און באַוואָקסן ער איז.

און עפּעס געפּלאַפּלט דאַבײַ פֿון אַ שווערד מיט אַ פֿאָן
דאַן האָט ער אין לופֿטן אַ דרײַ מיט אַ פֿינגער געטאָן —
און צוגערוקט נענטער זיך און די אויגן צעשפּרייט,
געקוקט אויף איר הוט און געקוקט אויף איר יאַקל און קלייד,
געקוקט און געפּרייט זיך, געפּאַטשט אין די הענט ווי אַ קינד,
געקוקט ווי עס גיסט זיך דאָס וואַסער פֿון איר און עס רינט.
און ווידער ווי פֿריער געלאָזן אין רעגן זיך גיין —
דעם קאָפּ צווישן די אַקסל אַזוי — מיט זיך איינעם אַליין,
און האָט מען אים מער נישט געזען — האָט מען בלויז נאָך געהערט
דעם שאַר פֿון די שיך אויף דער נאַסער פֿאַרשטיינערטער ערד.

וואָס נאָך איז געשען? ס'איז פֿאַראיבער די באַן אין דער הויך,
און די פֿרוי האָט דאַבײַ, לאָמיר זאָגן אַזוי ווי אַ רויך,
אַ ציטערגעטאָן, אָבער איך האָב פֿון שירעם אַפֿיר
אין אָט־אָ דער רגע געטראַכט אפֿשר בלויז וועגן מיר,
און וועגן דעם אייזערנעם באַן־וועג וואָס איבער דער גאַס.
אַזוי ווי מען זעט אַ געשטאַלט האָב איך פּלוצים דעם האַס
דערזען פֿאַר די אויגן, דעם פֿינצטערן האַס פֿון דער וועלט —
מיט אַ בליץ דורך די ציין ווי אַ שד ווען ר'איז בייז און ער שעלט,
און מיט אַזאַ בראַזג ווי די באַן איבער מיר אין דער נאַכט
האָט ער מיר געשוואַוירן, אַז אמת איז אַלץ וואָס איך טראַכט —
און איך האָב דאָך בלויז ווי אַ גולם מיט אויגן אַרויף
געקוקט צי עס רוקט זיך וואָר־ערגעץ אַ פֿענצטער נישט אויף
אין איינער פֿון אָט־אָ־די זעקס־זיבן־שטאָקיקע ווענט.
נאָר איידער איך האָב זיך אַרויף־און אַראָפּ־צו געווענדט
האָב איך שוין דעם בראַזג פֿון די קליידער די נאַסע דערהערט:
די פֿרוי באַם לאַמטערן איז דעמאָלט געפֿאַלן צו דר'ערד.

צי בין איך אַוועק, און ווי ווײַט, דאָס געדענק איך נישט מער.
קען זיין, אַז איך האָב זיך אַזוי־אַ, אַהין־און־אַהער —

אַרומגעדרייט בלויז. כ'האָב דאָך איבערגעלייענט די שילד
וואו סע שטייט אַז דער רויך פֿון האַוואַנאַ־ציגאַרן איז מילד
ווי דער אָטעם פֿון מאַמעס אויף קינדער וואָס וויינען בײַנאַכט
און די דאָזיקע קראָם (אויב איך האָב קיין טעות געמאַכט)
איז דאָך דרײַ גאַסן ווײַט. און איך האָב דאָך אַפֿילו געזען
די קעסטלעך אין פֿענצטער דאָרט, כאָטש עס איז פֿינצטער געווען.
און געוויינט האָב איך אויך — דאָס געדענק איך. געשטאַנען,
געלייענט,
און געוויגט זיך אַזוי און מיט אָפֿענע אויגן געוויינט.
מיר האָט זיך געדאַכט אַז איך הער ווי עס רופֿט אויפֿן קול
מײַן טאַטע וואָס שטאַרבט; און דאָס האָט מיך דערמאָנט אָן אַמאָל—
ווען ער האָט געוויינט בײַ דער באַן און ווי בלייך ר'איז געווען —
ער האָט אפשר דערפֿילט אַז ער וועט מיך שוין קיינמאָל נישט זען.
ס'אַראַ שווערקייט דאָס ווערט ווען מען שטייט און מען טראַכט
אָט־אַזוי
פֿון אַ טאַטן, אַ מת, בײַ אַ פֿרעמדער געשטאָרבענער פֿרוי.

דער מענטש

דער מענטש איז זיכער באַטרונקען געווען —
אַזוי האָט דאָס ווייניקסטנס אויסגעזען,
לויט דעם פּלאָנטער פון זיינע מיאוסע רייד
וואָס האָבן זיך אַרויסגעדרייט
ווי זשאַווער צווישן זיינע ציין.
נאָר די גראָבע — זיין ווייב — זי האָט דאָך אַליין
זיך געבעטן באַ אים, אַזוי איידל און וואויל
אַט ערשט — ער זאָל צומאַכן דאָס מויל.
ווי האָט זי — פרעג איך — געקענט מיטאַמאָל
פּאַר אַלע אַרום, אַזוי הויך אויפן קול
ריידן פון דעם וואָס איך האָב ניט קיין קיט —
און אַז דערפּאַר טאַקע האַלט זיך ניט
מיין געזעמס אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין.

און ווי האָט זי דאָס גלייך מיר אין פּנים אַריין
געמאַכט מיט די פינגער אַ שער — מען זאָל זען
אַז איך בין אַזאַ וואָס מ'האָט מל געווען.
און אַז איך בין, וואָס קומט מיר דערפאַר,
נאָר דעמאָלט האָב איך שוין אין מיין צער
געשאָלטן אַפילו מיין זיידן וואָס רוט
אַזוי ווי אין גרוב זיינעם, אין מיין בלוט
אַ ממזר פון אַ שטאָל אַרוים. —
— אַפילו אַ בייגלבאַפּער בלויז

ווען מען זאָגט אים אַז ער איז אַ זון פון אַ צוויג,
ברעכט ער יענעם אַ פוס און פאַרמאַכט אים אַן אויג.
אָבער איך — ווי שמאַטעס קלייב איך צונויף
מיין בינטל ביינער און הויב זיך אויף —
און געלעכטער ווי שטיינער הינטער מיר
שליידערן זיך אויף מיין יעדן ריר.

אמת, אַז ווען איך האָב שוין צולעצט
צווישן אייגענע זיך אוועקגעזעצט,
האָב איך אַן אַלץ פאַרגעסן געוואָלט
איך האָב דאָך — צו פרייען זיך — באַצאָלט
און ניט צו וויינען. נאָר אַז ס'איז פאַראַן
אין אייגענעם בלוט אַזאַ ווילסטער טיראַן,
וואָס שפּרינגט ווי אַ שד אַרויף און אַראָפּ,
פון קאָפּ צום האַרץ און פון האַרץ צום קאָפּ.
און דו רעד אַרויס צום שוואַרצן יאָר,
די גאַל פון זיך און באַווייז אים קלאָר —
אַז ניט אַלץ אין לעבן איז ווי מען וויל,
און מען דאַרף אַמאָל אפשר שוייגן שטיל,
אָדער אפשר טאַקע מוחל זיין.
נאָר שפּרינג — אויב דו קענסט — ווי אין טייך אַריין,
מיט די אייגענע שטיוול אין זיך אַליין
און צעטרעט זיך ביז צום לעצטן ביין —
נאָר אַפילו דעמאָלט — שוין האַלט זיך טויט —
וועט פון לעצטן ציטער אונטער דער הויט
און פון לעצן ביין, דער געטראַכטער ריר
נאָכאַמאָל האָבן זיין טענה צו דיר!

און אודאי ווען מען זיצט שוין אַזוי
און עס דאַכט זיך אַז מ'איז שוין ברוין און בלוי —

פון צער און רחמנות צו זיך אַליין,
מעג שוין דעמאָלט אפילו אונטערגיין
די גאַנצע וועלט! — דיין עלנט בלייבט
אַזוי ווי אַ היימישער הונט וואָס מען טרייבט.
נאָר דער הונט ער וואָיעט כאָטש דאָביי
און ליגט ניט אויף דיר, ווי אַ שווער שטיק בליי.

וואָס טוט דער מענטש

וואָס טוט דער מענטש אין צער — ער ווענדט זיך צו זיין שטאָלץ,
ווי דאָנערשטיק באַנאַכט אַ קינד צום וואָלגערהאָלץ.
דאָס קינד קען טרוימען טעג אויף פּוסטן לאָקשנברעט,
נאָר ער דער מענטש, וואָס טרוימט, מוז קוקן ערגעץ־העט
צו ווייזן זיך אַליין, אַז ער נעמט אַלצדינג צו —
ווי ערד און פעלד נעמט צו אַ מת וואָס דאַרף זיין רו.
און ווי דער פעלז, דאָס אייז וואָס ליגט זיך קאַלט און שווער,
און אַז ער בויגט זיין קאָפּ מען זאָל ניט זען זיין טרער,
און זעט דאַביי אַליין אויף זיך די פיר מאָס ערד,
איז ער דעמאָלט ניט אַליין דער שד וואָס שטערט
דאָס ליכט, וואָס גייט צו אים פון אַלע ווינקלען וועלט.
ווייל ווען דערזעט מען דאָס אַן אָפּגעקאָסעט פעלד!

און ווען אַ וועג אַזאַ פון דאָרן און פון שטיין
ווען זון איז דאָ אויף זיי, און באָרוויס דאַרף מען גיין. —
און דער וואָס וויינט איז ליכט וואָס זוכט מיט בלינדע טריט
די וויסנשאַפט וואָס רופט ווען קיינער ענטפערט ניט.
און ווי אַ מוטער הערט, אויף מיילנווייט אין ווינט,
אין טיפסטן שלאָף באַנאַכט, דאָס וויינען פון איר קינד.
אַזוי באַנעמט דער צער אין חושך ווייט ארום —
דעם דאָרן און דעם שטיין וואָס וויינען קאַלט און שטום.
און אַז ער בויגט זיך צו מיט אויגן אויסגעשפּרייט

איז ניט צו שילטן זיי פֿאַר זייער אייביקייט,
נאָר מיט די פֿינגער בלויז ווי צו חלפֿים שאַרף
זיך צורירן צו זיי, און שטיל ווי אויף אַ האַרף
צו שפּילן איבער זיי, מיט בלוט פֿון זיך דאָס ליד,
וואָס איז אַליין זיך פֿרעמד און האָט קיין נאָמען ניט...

אויפן וואָקזאַלביים שערער

.1

אין חלום לעב! ווער סע קען איז וואויל!
נאָר איך בין צו אַלט שוין און צו פויל,
און אַ לייטער וואָס וואַקסט ביז צום הימל אויס
איז טאַקע דאָ אין חלום בלויז.
און וואָלט זי אַפּילו געווען אויפן וואָר
באַדאַרף איך זי אויך צום שוואַרצן יאָר!

מיין טאַטע האָט מיר אַמאָל דערציילט
פון בעל שם ווי ער האָט אין מיטן פעלד —
פאַרטאָג ווען די זון האָט אויפגעברענט
דערלאַנגט אַ פּאַטש מיט ביידע הענט,
און פאַרגליכן דעם מענטש וואָס ברענגט אונדז פרייד
צו דעם ליכט וואָס די מאָרגנזון פאַרשפּרייט.

איך פּאַטש מיט די הענט ווען די זון גייט אויף
אין טעאַטער, וואו מען שלעפּט זי אַרויף
צוליב דעם יתום אין לאָרבערקראַנץ,
ווען ער וויל אַ גרויסן פּאָמעראַנץ.
נאָר די דאָזיקע זון זעט גיכער אויס
ווי אַ נאָוועבראַניעץ פון באָד אַרויס.

און דער טיפסטער אמת איז אפשר דער טשוואַק
וואו מען הענגט אויף דאָס היטל מיטן ראָק.
און דאָס לעבן איז בלויז אַ באַשעפטיקונג
וואו מען נוצט דאָס האַרץ מיט לונג און צונג —
צו וויינען אינאיינעם מיטן ווינט
אַזוי לאַנג דאָס בלוט אין די אָדערן רינט.

אָט זיץ איך אַליין און איך רעד מיר איין:
אַז די מאַמע קוקט אין שפּיגל אַריין —
בעת זי וואַשט מיר דאָס פּנים אָפּ,
און פּאַרקעמט מיר לכבוד שבת דעם קאָפּ,
דערבײַ אָבער זע איך אַ מענטש מיט אַ פּליך —
און ווידער בין איך אַ פרעמדער פאַר זיך.

און כאָטש איך זע אַז פון זייף איז מיין באָרד
זע איך מיין טאַטן אויף מיין אָרט.
און כאָטש איך ווייס אַז ס'איז בלויז אַ שפּיל
אַזוי ווי איך טראַכט אַליין און וויל.
פונדעסטוועגן גלאָץ איך די אויגן אויס
ווי אַ קאַלב וואָס קוקט פון אַ שטאַל אַרויס.

און וויפל איך ראַנגל זיך נישט אַליין
צו זען נאָר דאָס וואָס איז ריין און שיין,
זע איך דווקא דאָס וואָס איז עקלדיק
אַזוי ווי פאַרפוילטע נבלה אַ שטיק,
וואָס וואַרט אין דער זון צו ווערן שפּייז
פאַר ווערים, פליגן און פאַר מייז!

נאָר ווען איך הויב די אויגן אויף
וואַקסט אַ פינצטערניש איבער מיר אַרויף,

וואָס הייסט מיך שטיין מיט אַן אָפן מויל
ביז מיר דוכט זיך אַז איך בין ליידיק און הויל —
פון שאַרבן ביז אונטער דער זויל אַראָפּ,
אַזוי ווי אַן אַלטער סמעטענע־טאָפּ —
וואָס די קאַץ האָט געפינען נישט צוגעדעקט
און ביז צום דנאָ אים אויסגעלעקט.
און עס פעלט אפשר טאַקע בלויז אַצינד
דער היימישער טייך וואָס איז שוואַרץ ווי טינט,
און דער וויכעטש שטרוי וואָס רייבט, און די האַנט
וואָס זאָל אויפהענגען אויפן טשוואָק פון וואַנט.

אַמאָל ווען איך בין אַ קינד געווען
האָב איך געבענקט זיך דערוואַקסן צו זען,
און די באַן — ווי מיר איך בין איצט פון איר —
איז דאַמאָלט געווען אַ טרוים פאַר מיר
כ'על אַוועקפאָרן ערגעץ זייער ווייט
וועל איך נישט האָבן דעם טאַטן באַם זייט
וועל איך אַנטאָן לאַנגע הויזן און שיך
וועל איך האָבן מיט וואָס צו גרויסן זיך,
ווען איך וועל קומען אַהיים צוריק —
נאָר די באַן האָט מיר נישט פאַרגונען דאָס גליק,
זי האָט מיך אַוועקגעפירט איינמאָל באַנאַכט
און קיינמאָל נישט מער צוריקגעבראַכט.

נאָר ווען איך וואָלט אפילו קענען פליען
וואָלט איך זיך נישט אומגעקערט אַהין,
ווייל דאָרט אַז מען וויל זיך האַלטן ריין
דאַרף מען אַלע פרייטיק אין באָד אַריין גיין.
עזרילקע דער פאַסקודנער איד
ווען ער האָט מיך מיט הייסן אָפּגעבריט,

האָט אים גאָרנישט געאַרט צוזען ווי איך וויין
ר'האָט אפילו כלומרשט באַ זיך אַליין
זיך געשוואוירן אַז ער זעט נישט גוט,
נאָר ווען איך האָב געקלאָגט זיך ווי ווײ מיר טוט —
דאָס אָרט וואו מען זיצט, האָט ער זיך געדרייט
אַ פּאָה אין מויל אַריין — פאַר פרייד.

נאָר איך בענק דאָך אויך נישט אויף אַ האָר
צו מיינע דערוואַקסענע אינגלישע יאָר,
ווי מען זעט אין אַ חורבה פאַרוואָרלאָזט און ווילד
אַן איבערגעלאָזן פאַרשימלט בילד —
קוק איך אויף מיין היימשטאָט אַצינד,
און מיר טוט נאָר באַנג וואָס איך בין נישט קיין קינד,
און מיין היים נישט קיין בלאַט וואָס מען רייסט דאָס אויס
פון אַ בילדערבוך אָדער פון אַ רויז,
וואָס מען האָט פון פּאַפּיר צונויפגעשטעלט
צו טויטן די לעצטע בענקשאַפט צום פעלד.
און מען האָט דאָך באַ אונדז צוליב יום טוב בלויז
מיט בלומען אַזוינע באַצירט דאָס הויז.

נאָר זאָל מען נישט מיינען אַז איך בין קראַנק
ווי אַ היימלאָזער וואָס ליגט אויף אַ באַנק,
אין אַ שטאָטגאָרטן ערגעץ אין מיטן דער נאַכט —
מיין אָרים בלוט אין מיר ברענט און וואַכט
ווי אַ וואָלף אין סטעפּ וואָס הונגערט און וויינט,
נאָר אַלץ וואָס איך זע אַרום מיר איז פאַרשטיינט.
און אַזוי ווי אַ ריזיק־פאַרזשאַווערט ראָד,
דרייט זיך אַרום מיר די גאַנצע שטאָט.
מיט רינשטאָק און טורעמס, מיט מענטש און מויז —
אַזוי אַז נישט איינמאָל דאַכט זיך מיר אויס :

אַז אַפּילו מיין אייגענער אָטעם איז רויט
פון דעם זשאַווער וואָס פרעסט אויף מיר די הויט.
צי איז דאָס אַ דיבוק וואָס שרייט אין מיר,
צי אַ קללה פון טויזנטער דורות פריער,
אַז וואויל איז צו דעם וואָס רעדט זיך איין
אַז אַלץ איז אַזוי ווי עס איז דאַרף זיין!
אָבער איך — זאָל מיר דאַרן מיין רעכטע האַנט,
אויב עס וויינט ניט אויף דער קלויסטער וואַנט
יעזוס אַליין אויף דעם הייליקסטן בילד. —
— מיין בענקשאַפט אין מיר צו דעם לעבן וואָס ברילט
דורך טויזנט פענצטער צום הימל אַרויף ן
נישט איינמאָל דאַכט זיך מיר, הויבט זיך אויף
ווי דאָס ליד פון אַ ריזנאָרגל די פרייד,
אַרום מיר, וואָס איך וויין געבויגענערהייט.

וואָרום גיסט זיך נישט אויס קיין בעכער מיט ווייַן
אין מיין ציטריקער האַנט וואָס וויל צערטלעך זיין!
וואָרום בלאַנקט נישט פון מיינע אויגן אַרויס —
די קראַפט וואָס טרייבט דעם אומעט פון הויז —
ווי מען טרייבט אַרויס מיט אַ וואונק פון אַ שטריק
דעם שפּיאָן וואָס שטינקט ווי נבלה אַ שטיק!
וואָרום דינט ווי אַ וואַקסליכט, קויטיק געלט,
מיין לייב, דער אייביק פאַרשאָלטענער זעל,
וואָס האָט פיינט די ערד און ווייסט נישט דערפון,
און וואָס מיידט אויס דאָס שענסטע שפּיל אין דער זון —
ווי אַ פרומער איד, אַ גלח אין וועג —
צי דעם הונט פון אַ פּריץ וואָס רייט אויף געיעג.

און עס איז דאָך נישטאָ אַזאַ גאָט אין דער וועלט
וואָס האָט דוקא פון מיינעטוועגן באַשטעלט

געליימקייט און טויט, און מיין פרעמדקייט אין מיר —
איז דאָך נישט קיין שטייג וואָס האָט נישט קיין טיר!
און וואוהין איך קום נעמט דאָך צו די ערד
ווי די טריט פון טכויר און פרינץ, און פערד
אויך מיינע טריט — און פון אויבן אראָפּ
פאַלט נישט דער הימל — אַ שטיין אויף מיין קאָפּ!
טאָ באַ וועמען זאָל איך מאָנען גיין
אויף דעם וואָס עס ברעכט זיך אָפּ אַליין —
אַ צווייג פון אַ בוים וואָס פוילט און דאַרט,
וועמענס שולד איז דאָס, וואָס ער ווערט פאַרשאַרט?!

ווי מאָדנע דאָס איז, ווער עס שטייט און באַשטוינט
מיט אַ פּנים אַזוי ווי פון קופּער געברוינט
דאָס ליכט פון דער זון אויף טורעמס און ווענט,
איך זע זיינע קורצע און גראָבע הענט
און די איידלשטיינער וואָס סטאַרטשען ארויס
פון זיין יעדן רינג ווי אַ ציבעלע גרויס.
און זיין פּנים אויך איז דאָך רונד און גלאַט,
ווי באַ אַ קינד וואָס מ'האָט ערשט געהאַט.
און נישט איינמאָל דאַכט זיך מיר טאַקע אויס
אַז מען וואָלט נישט געוואוסט וואָס ער האָט אין שויס —
ווען ער טראָגט נישט דאָס ביסל הויזן אויף זיך,
און די נאַרישע צוויי גרויסע שיך.

ווער עס זעט דעם פרעמדן וועכטער אין מאַרק
מיט דעם וואורשט אין גוידער און דעם קאַרק,
איך זע פּאַר זיך אייביק די זעלביקע גאַס,
וואו שול און באָד און הערינג־פּאַס
דערמאָנען אָן פּלייצעס וואָס שאַרן זיך קרום,
ווי הענט געשטראָפטע פון הינטן־ארום.

ווער עס זעט דעם אָקס אויף דער וואַנט וואָס הייסט
מען זאָל קויפן דאָס וואָס דער טאַטע ווייסט,
איך זע מיין טאַטן צעפּוילט און טויט
אין אַ טלית איבערגעפאַרבט אין רויט.
און מיר פעלט בלויז די באָרד און גאָרנישט מער —
אַז איך זאָל אויסזען אַזוי ווי ער.

נאָר וואָלט איך דאָס בילד כאָטש געזען פון דער וויט —
האָבן אָבער אינאיינעם, לעבן און צייט,
ווי צוויי גנבים אַן אוצר בא נאַכט —
געגנבעט דאָס בילד און אַהערגעבראַכט.
און כדי מען זאָל נישט דערקענען דעם רויב
האָט מען דאָ בא אונדז אויף דעם שימל און שטויב
מיט אַ ביליק און שרייענדיק קאָליר
אַ פיר געטאָן עטלעכע גראָבע שמיר —
און איך וואָס איך שטיי אויפן בילד שוין אין פּראַק,
דאַרף בלאָזן פון זיך ווי אַ נאַר אַ מאַניאַק
וואָס שמירט אַזוי לאַנג איבער פרעמדס ביז אים דאַכט;
אַז ער אַליין האָט דאָס אויסגעטראַכט.

נאָר דאָס האַרץ זיך אויפצושניידן אַליין —
צו ווייזן אַז אַלץ וואָס מען טראַכט איז געוויין,
און נישט קיין בייזקייט — ווי קען דאָס ווער,
זיך אַרויפצווינגען מיט אַזאַ באַגער!
איך קען זיך דאָך נישט צענעמען אויף שטיק
און זיך ווידער צונויפשטעלן צוריק,
ווי אַ זייגער וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט.
און פון וואַנען וויים איך וואָס מיר פעלט,
עס בלאַנקט דאָך נישט מיין ווימן אין מאַרך
ווי גאָלד אויבנאויף, אָדער ווי אַ פאַרך —

איך זאָל קענען אַריינקוקן אין מיר
ווי אַ דינסט דורכן שליסל־לאָך פון אַ טיר.

ווער סע ווייסט אַז אַ בייגל האָט אַ לאָך,
איך ווייס אַז אויף פּויליש זאַמלט זיך מאָך,
און ווי זיך אַליין — וואוהין איך קום —
זע איך פּוילן אַלץ אַרום מיר אַרום.
און כאָטש איבער ימים ווייט פון דאָרט —
דרייט זיך אַלצדינג אויף דעם זעלבן אָרט:
מיט מאָך און שימל אויף לייב און זעל —
אַרום זיך אַליין ווי אַן אַלט קאַראַסעל,
און אומזיסט וואָס סע הערן זיך איין צו מיר
דער הענגלאָמפּ און דער בעזים באַם טיר.
איך ווייס דאָך אַ האָר נישט מער פון זיי —
פאַרוואָס דאָס אַלצדינג טוט מיר ווייי!

נאָר איך שיט מיר נישט אין די אויגן זאַלץ —
צו זען אַזוי קאַלעמוטנע אַלץ.
מיט פראַסטקייט שפּילט מען זיך נישט אַזוי
ווי סע שפּילט זיך לכבוד זונטיק אַ גוי —
מיט דעם קעשענעמעסער וואָס ער האָט
געגנבעט באַ אַ קרעמער אין שטאָט.
נאָר מען קען דאָך נישט זיין ווי אַ לעקאַך גוט
ווען מען הערט ווי עס וויינט אונטער הויט און בלוט
דער באָרד־פּלעק וואָס וויל נישט אַרונטערגיין,
און ער וויינט דאָך ווי אויף אַ מצבֿה־שטיין —
אַ נאָמען, וואָס מעקט זיך נישט אָפּ אַזוי גיך —
כאָטש יאָרנלאַנג אַז ער קרישלט זיך.
מיטן גלאָק וועט ער רופן אין קלויסטער אַריין
מען זאָל זיך שווענצלען און פאַרטיק זיין.

און דער הערינג־עק — אויב עס וועט אַ מת
אַ שמעק טאָן צו אים — וועט געשען אַ נס.
ער וועט אויפשטיין און שטאַרבן נאָכאַמאָל.
און נאָכדעם וועט אים אַפילו דאָס קול
פון משיחס טראָמפּייט נישט אויפוועקן מער.
און ווי זאָגט מיין שכן: עס איז זייער שווער
צו געניסן פון שבתדיקע פיש —
ווען מען זיצט אויפן קאָפּ מיט אַ מילשטיין באַם טיש,
און אַ מילשטיין אַזאַ איז אַפילו געווען —
דער הימל וואָס מען האָט דורכן פענצטער געזען.

ווער עס קוקט אויף דעם רייכטום וואָס רוישט און פליט —
איבער גאַסן, אַזוי ווי אַ יאָנטעוודיק ליד,
איך זע דעם הענדלער, וואָס שטופּט זיך און שרייט —
און וואָס האָט בלויז קינדער צו מאַכן — צייט —
באַנאַכט — ווען מען קען נישט מאַכן קיין געלט.
און דער יום טוב — אַזוי ווי אין ליידיקן פעלד
אַ סטראַשידלע וואָס מען דאַרף נישט מער.
עס וויגט זי דער ווינט נאָך אַהין און אַהער,
נאָר אַן עדות איז די פאַרטרוקנטע ערד —
אַז די גאַנצע שפּיל האָט שוין קיין שום ווערט.
ווייל אויף וועמען וויל מען דאָס אָנוואַרפן שרעק
ווען דער לעצטער פויגל איז שוין אַוועק!

איך בענק נישט נאָך דעם קינד פון דער היים,
מיט דעם פנימל וואָס איז געל ווי ליים.
און מיך אַרט נישט וואָס פון לייבצודאַק
איז געוואָרן אַ פויסט וואָס גיט אַ האַק,
נאָר „קאַיגומי״ פון אַ מויל אַרויס —
איז מיר פרעמדער נאָך ווי געזאַנג פון קלויז.

און אַ פּלייצע וואָס בויגט זיך באַם ספר קרום
איז קיין האַנט נישט וואָס שאַרט זיך הינטן אַרום.
און איך האָב דאָך אין מיין שטוב אַ קינד —
וואָס וואַקסט און אָטעמט דעם זעלביקן ווינט.
און מען קען נישט די אויגן פאַרקלעפּן מיט קיט —
ווען זיי זעען בלויז גאָלד און מער גאָרנישט ניט.

איך ווייס: נישט אויף מיר אַליין דוקא וואַרט
דער טויט, אין דעם גאָלדענעם זומפּ וואָס נאַרט.
נאָר וואָס גייט דיך דיין פּעטערס צאָנווייטיק אָן
ווען דיר אַליין טוט ווי דער צאָן.
און וואָס אַז באַם שכן איז אויך פאַרשטעלט —
דאָס פּענצטער צו דער ליכטיקער וועלט.

.2

דעם קריטיקערס רייד און די באַן וואָס פייפט —
און דער סלופּ וואָס דרייט זיך רויטגעשטרייפט —
און די בענקשאַפט וואָס רופט: אַהיימצו־צו,
צום ווייב און צום קינד און צו פוילער רו —
דאָס אַלצדינג מאַטערט ווי אַ קאַליע צאָן,
און דער שערער פּלאַפּלט ווי נאַריש ער קאָן,
און שוין אפשר אַ שעה אַז ער קראַצט און שמירט
און איך בין נאָך אַלץ נישט אָפּראַזירט.
און די אויגן מיינע קלעפּן זיך,
און עס ברענען די פּיס מיר אין די שיך
ווי די רויטיקע לופט וואָס איך אָטעם איין —
און וואָס ברענט דורך מיין גומען אין האַרצן אַריין.

העי שערער מיינער, צו זעסטו דען ניט,
דו דאַרפסט מיר נאָר געבן דעם מינדסטן שניט —

אַט־דאָ, באַם האַלדז, וואו דו האַלסט אַצינד —
וועל איך אַוועק ווי אַ שד אין ווינט!
ביז העט צו דער זון אַרויף! אַהין,
וואוהין עס הייסט מיר די קריטיק פליען!
מיין לעבן — אַ רוח אים אין טאַטן אַריין
וועט דעמאָלט שוין בלויז אַן אילוזיע זיין!
אין אַ ווייסן כאַלאַט אויף אַ וואָלקן־טראָן
באַם צדיקים־טיש מיט גאָט אויבן־אָן;
וועט זינגען מיין זעל ווי אַ מלאך פאַרקלערט —
און איך וויל שוין האָבן אין דר'ערד די ערד.

איך וועל שוין נישט דאַרפן זיך ברוגז'ן שטום
אויף זיך אַליין וואָס איך שלעפּ זיך אַרום —
מיט אַ ספר'ל און אַ רענצל אין האַנט —
ווי אַ דולער מגיד איבערן לאַנד.
און איך וועל שוין נישט דאַרפן הערן קיין מויד —
וואָס מוטשעט (מיט הענט צו קנעטן ברויט
אויס רחמנות צו מיר) מיך אַליין ווי דעם סמיק
וואָס זי שלעפּט אויפן פידל אַהין און צוריק.
און נישט דאַרפן מער הערן דאָ און דאָרט —
ווי מען זינגט אַזוי ווי מען שרייט באַ אַ מאָרד,
צוליב דעם וואָס סע מאָנט באַ מיר ברויט מיין קינד
אַזוי ווי דער קוימען רויך פאַרן ווינט!

איך ווייס עס קען נישט אויסזען שיין —
ווען מען דאַנקט פאַר גוטסקייט מיט אַ שטיין!
איך ווייס אָבער אויך, אַז ברויט וואָס וואַרגט
איז נוצלאָז ווי גאָלד פאַר דעם וואָס קאַרגט.
און עס ווייגט דאָך אין מיר מיין שטאָלץ נאָכאַנאַנד —
ווי באַ איינעם אַ קרענק, אַ באַהאַלטענע שאַנד.

נאָר דער אמת וואָס קומט פונם האַרצן אַרויס
האָט אפשר אויך ווי דער מענטש אַ שויס!
און ער וויל אויך זיין קראַנקע נאַקעטקייט —
באַהאַלטן ווי מיר, אונטער מאַנטל און קלייד,
ווייל אַפילו אַ גאַסנפרוי פון דער ווייט
זעט דאָך שענער אויס אין גאָלד און אין זייד.

און ווייל איך גריבל זיך וועגן דעם,
קומט אויס כאָטש צעפּיצל און צענעם,
אַזוי ווי אַ וואַנטזייגער זיך אַליין —
אָדער גיי און שלאָג זיך קאָפּ אָן שטיין,
און הער מיט אַן אָפּן מויל זיך איין —
צי ער הילכט אַזוי ווי סע דאַרף צו זיין.

צי איז דאָס אַ קללה פון דורות פריער:
צי אַ שד, צי אַ דיבוק, וואָס זיצט אין מיר —
איך ווייס נאָר אַז פון זינט איך געדענק —
לייד איך פון דער ווייסטער קרענק!
אַ פרעמדקייט זיצט אין מיר און וויינט
ווי מע וואָלט מיר אַ טויטנבריוו געלייענט!

און איך האָב פאַרנומען וואָס מע דערציילט:
פון די הייליקע אויף דער וועלט —
דער בעל שם האָט אַמאָל צו מזרח געוועגדט —
דערציילט מען — אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט,
און פאַרגליכן דעם מענטש וואָס ברענגט אונדז פרייד;
צו דעם ליכט וואָס די מאַרגנזון פאַרשפּרייט!
איך זע אַז די זון איז מיט בלוט געפאַרבט,
ווען זי ווערט געבוירן און ווען זי שטאַרבט.
און די פרייד — אין פרילינג וואָס לופטערט די ברוסט

אַטעמט דער האַרבסט מיט זיין רויטן הוסט.
און דעם וואָלקן קומט אויס ווי מיר אַזוי
צו מאַכן אַלצדינג פּינצטער און גרוי.

צי איך זע דעם אמת? איך רעד מיר נישט איין
אַז איך וואָלט נישט געקענט קיין אַנדערער זיין.
נאָר קיין מוסטער האָט מען נישט געבראַכט
צ מיין מאַמען אין דער קימפּעטנאַכט.
און איך בין נישט קיין טייג אויפן לאָקשנברעט —
וואָס מען קנעט דאָס איבער מיט אַ גלעט.
און מיין אמת שרייט דאָך אַזוי ווי אַ קינד —
ווען עס ווערט געבוירן נאַקעט און בלינד.

איך ווייס אַז מע קען נישט אויסזען שיין:
ווען מען רעדט אַזוינס ווען זיך אַליין.
נאָר איך קען נישט אָנשטעלן קיין טאָן
ווי אַ חזן וואָס הויבט דאַווענען אָן.
מיין מאַמע האָט מיך נאַקעט געהאַט —
קען איך נישט ליידן קיין פייגנבלאַט!

איך בין דאָס געשריי פון מיין נאַקעטקייט:
מיין הויט אויף די ביינער איז מיין קלייד!
און מיין פירער — די בלינדקייט אין מיר אַליין —
וואָס וואַרפט מיך איבער יעדן שטיין!
פאַראַן אַ בלינדער וואָס זעט מיט די טריט —
איך אָבער — איך זע גאָרנישט ניט.

איך האָב שוין געזען אין הימל אויך
די זון אַרויפגיין אין דער הויך.
נאָר זי זעט אויס ווי מיט בלוט געפאַרבט

און אזוי זעט זי אוים — אויך ווען זי שטאַרבט.
און די פרייד איז אַ חופּה וואָס מען שטעלט,
אין באַליערע־צייט אויפן קברים־פעלד.

דאָס לעבן גייט שווער ווי אַ ראָד אין מיל,
אָבער אין וואסערס פּאַרבנשפּיל —
אָבער אין וואַסערס וואונדערגעזאַנג —
לעבט די נשמה פון מיל־ראָד־גאַנג.
און דו האָסט אויך אַ נשמה אין דיר —
וואָס לעבט אין דיין יעדן בויג און ריר!

איך וואָלט אפשר אַ ליכט פון טרייסט געזען —
אין דעם אַלטן קלויז־בטלן וואָס איך קען!
נאָר איך זע אז ער שרייט און קוקט אַרויף —
ווי אַ הון מיט אַן איי אויף אַ פרעמדן הויף.
און איך ווייס אז ער קוקט און שרייט אומזיסט,
ווי די הון וואָס צעשאַרט דאָס פרעמדע מיסט.

איך זע אז ער קוועטשט זיך ווי די הון,
מיט דעם טרוים זיינעם פון דוד׳ס זון,
באַטשס גאַטס געזעץ פון ערד און שוויים —
און קינ׳ס געזעץ פון האַק און ביים —
הענגען ווי אייביקע שלעסער צוויי —
אויף דעם אָרט וואו סע ליגט דאָס משיח־איי.

עס איז נישט געווען

עס איז נישט געווען אזא מענטש אין מיין הויז
און ער האָט נישט געקוקט מיטן לינקן אויג
אויף מיין שיסל באָרשט. ער האָט בלויז געזאָגט
„גוטאַפּעטיט“ — און מיט אזא טיפן פאַרנויג
אַזש דאָס היטל איז אים אַרונטערגעפאַלן.

און אַזוי טאַקע בין איך געוואָרן געוואָר,
אַז ער האָט שוין אַ פּליך און עס האָט מיך געקרענקט,
און דערפאַר טאַקע האָב איך אים איבערגעפּרעגט:
צו ווייַנט ער ניט אַמאָל ווען ער בענקט
נאָך די נעכט ווען דער ווינט האָט די האָר אים צעבלאָזן.

ווי מאָדנע ער האָט אויף מיר געקוקט.
דאָס איז אפשר אמת. אַ ליגן איז בלויז,
אַז ער האָט געקוקט מיטן לינקן אויג.
ר'איז אפילו ניט געווען אין מיין הויז,
ווען איך האָב דאַכט זיך מיין באָרשט געגעסן.
אויף דעם קען איך שווערן בײַ גאָט אפילו.
אמת, איך האָב אים אַליין געזען
אין אַ שפּענצער אַזוי ווי פּייער רויט,
נאָר דערנאָך ווען איך האָב אַ טראַכט געטון
אַז ס'איז ניט קיין רויטער באָרשט, וואָס איך עס,
נאָר פּראָסטע קרויט, — איז ער טאַקע פאַרשוואונדן.

און עס האָט נישט געהאָלפֿן וואָס איך בין אַרויס
און אים נאָכגערופֿן צוקומען צוריק.
כ'האָב אַפֿילו געוואוסט, אַז ער וועט זיך שוין מער
אַפֿילו ניט אומווענדן מיט אַ בליק, —
ער האָט דאָך דאָס אויג אין הויז פֿאַרגעסן.

ס'איז געבליבן ליגן בײַ מיר אויפֿן טיש
און ס'איז גרין אַזוי ווי שימל געווען.
און גלײַך ווי נאָר ר'האָט פֿאַרמאַכט הינטער זיך
די טיר פֿון מײַן הויז, האָב איך דאָס דערזען
און דערפֿאַר בין איך אים נאָכגעלאָפֿן:

— מײַן ליבער הער, מײַן ליבער הער,
עס איז דאָך גענוג וואָס איר האָט שוין אַ פֿליך, דאָס איז
טרויעריק גענוג,
און אַן אויג איז דאָך ניט קיין טייסטער מיט געלד,
מען זאָל דאָס וועלן באַהאַלטן פֿאַרזיך
צוליב דעם, וואָס מען דאַרף דאָס האָבן.

— פֿונדעסטוועגן — גאַנצע זיבן מינוט,
מיטן זייגער אין האַנט, דערנאָך געוואַרט,
אפֿשר גיט פֿאַר אַ גראָשן אַ קנעפּל אים ווער,
ווען ער בעט אַ נדבה — האָט מען אים דאָך גענאַרט,
וועט ער דאָך וועלן זען דעם מענטשן.

נאָר אַז איך זע, אַז קיין ברויט איז נישטאָ
אַרײַנצוברעקן אין דעם באָרשט וואָס איך עס,
און קיין אייעלע איז אויך נישטאָ,
האָט דאָך גאָט דאָס אויג, ווי דורך אַ נס,
מיר צוגעשיקט צו מײַן באָרשט דעם פּוסטן.

פונדעסטוועגן — נישט צו ליידן דערנאָך,
וואָס איך פאַרנעם אַ פרעמדנס בלוט
האָב איך מיטן אויג אויפן לעפל שוין
געוואָרט אויפן זייגער נאָך אַ מינוט —
אפשר פּאָרט וועט ער זיך ווייזן.

נאָר אַפּנים, אַז ווען דער שטן וויל
פאַרפירן אַ מענטשן צו אַ זינד
העלפט גאָרנישט ניט. ער איז דאָך אריין
שיר ניט אַזוי ווי אַ בליץ געשווינט,
ווען איך האָב דאָס אויג שוין געהאַט פאַרשלונגען.

ווי אַ טשוואָק אויף בלעך האָט זיין אָטעם געפייפט,
און קוים וואָס ער האָט נאָך פּאַר פּחד גערעדט:
— מיין אויג, ר׳ איד, מיין איינציק אויג!
אַ קראַנקער אויפן טויטן בעט
קען זיך אַזוי ניט צאַפּלען.

ווי אַן אָרעם פאַרזעניש, אַ קינד
מיטן גאַנצן פּנים צו וויינען גרייט,
און פון דער הויל פון זיין לינקן אויג
האָט זיך טאַקע באַלד ארויסגעדרייט
אַ טרער, ווי דאָס רויע פלייש, אַ רויטע.

און וואָס וואָר, איז וואָר, ווען איך וואָלט געקענט
אריינקריכן מיט דער האַנט אין זיך,
גיב איך אים אָפּ נישט נאָר דאָס אויג,
נאָר אפילו דעם באָרשט, אבי ער זאָל מיך,
צום ווייסטן יאָר, נישט אַזוי באַוויינען.

און ווייזט אויס, אַז איך בין געווען טאַקע בייז.
איך האָב זיך דאָך פּלוצים אויפגעשטעלט
און גלייך אין פּרצוף אַ זאָג געטון:
אַזאַ מענטש איז ניט ווערט וואָס ער לעבט אויף דער וועלט,
אויב ער איז אַזאַ מין גולם.

ערגיץ ווייט

ערגיץ־ווייט אין אַ ווינקל פון שטאָט
ציילט אַ מעקלער זיין געלט און ער וויינט ווייל עס פעלט
אים אַ רענדל.
און די אלמנה באַ וועמען ער וואוינט
טראַכט מיט אַן אויג מיט אַ בלינדן איבערן פייער באַם פענדל
פון שדכן אויף יענער זייט ים דאָרט, וואָס האָט איר דעם
חתן געלויבט,
און נישט אויסגעזאָגט איר אַז ער הוסט — און זי האָט
אים געגלויבט,
און אָפּגעוויסט דרייסיק פאַרשאָלטענע יאָר מיט אַזוינעם.

אָ, זאָל ער איר מוחל זיין, דאָרט וואו ער רוט,
און אויס בענקשאַפט צו איר באַ אַ וועגל מיט עפּל, אַ איד
וואָס שטעקט ביז דער באָרד אין אַ וועסטערנעם הוט
אין אַ ברוינעם,
און שרייט מיט אַן עפּל אין האַנט אַז סע ברוט,
און וואָרנט די קונים
די לייט מיט די הונדערט פונטיקע בוזימס און לענדן
זיי זאָלן קיין צייט ניט פאַרשווענדן
און קויפן און קאָכן אַ צימעס.

זי מיינט ניט קיין שלעכטס — נאָר ווען זי וואָלט געוואוסט
(אָ, זאָל ער איר מוחל זיין, וואו ער רוט.)

אַז ער, דער בן־תורה, וועט שטיין באַ אַ וועגל מיט עפּל,
און וועט אין אַ הוט מיט אַ לאַך און ביז איבער די אויערן
פאַררייסן דאָס קליינע, כמעט הינערשע קעפּל,
צו רופן די ווייבער וואָס גייען אין די אייגענע האָר
און די דאָרפס־גוים אונטערגעשוירן.
ווען זי וואָלט געוואוסט אַז אַ חוץ די צעלעכערטע לונגען
וואָס האָבן, ווען ער האָט געהוסט, ווי פּויקן געקלונגען,
און וואָס דרייסיק יאָר לאַנג האָט ער אפילו אין שלאָף, זאָל
ניט אויסגערעדט זיין,
ווי מיט אַ פּייפל געפּייפט איר אין פּנים אַריין.

ווען זי וואָלט געוואוסט, ווי געזאָגט, אַז אַ חוץ אָט דער
שיינער מתנה, פון זיין ליבן נאָמען,
וועט ער אַ לייסטנבראָך, נעבעך, אַרומטראָגן דאַרפן מיט זיך.
האָט זי דאָך חתנים געהאַט זיי צו קלייבן ווי שיך
אין די גרעסערע קראָמען.

אפילו הערש־לייבל דער שוסטער יונג — נאַקעט אַזוי ווי
זי שטייט און גייט,
ער האָט דאָך געוויינט ווי אַ ביבער ווען ער האָט איר
גענומען די מאָס
אויף די שיך מיטן סקריפּ וואָס זי האָט געוואָלט צו דער חופּה.
אמת, מען האָט אים גערופן הערש־לייבעלע קופּע!
און אייביק פאַרנאַרעט, פאַשמורעט טאַקע איז ער געווען
אַז די נאָז מיט די אייגלעך קוים וואָס מען האָט זיי געזען.
און צו דעם נאָך האָט מען זיך אונטערגעסוד'עט
אַז ער איז איינער פון זיי — פון יענע געפּערלעכע פייגל
וואָס טראָגט בלומר'שט אַ קאַשיק מיט בייגל
און שלייקעס און פאַנסקע ציגאַרעטן,

נאָר אין דער אמת'ן לויערן זיי אויף דעם קייזער'ס קאַרעטן
מיט באָמבעס וואָס רויכערן שיר ניט אונטער דער פּאָלע.

נאָר וואָס וואָלט איר איצטער געפעלט
עס קלעפּן דאָך איצטער בריליאַנטן אויף אים
ווי דעמאָלט די סמאָלע.
און מען האָט דאָך געמאַכט אים אפילו פאַר שול־פּרעזידענט
בײַ די לאַנדסלײַט.
זי האָט אים אָנומעלט באַגעגנט — געזאָגט אים גוט־שבת ר' לייבל,
האָט ער אַרויסגענומען אַ טייסטער מיט געלט,
האָט זי געטראַכט אַז ער האָט אַפּנים דערקענט...
נאָר דערנאָך, אַז ער האָט שוין מיט ציטריקע הענט
דעם טייסטער אַרײַנגעלייגט ווידער, און אונטערגעברומט
אַז ער האָט נישט קיין קופּער — האָט זי געבויגן דעם קאָפּ...
האָט זי אַרונטערגעבויגן דעם קאָפּ און געוויינט...
און געפרייט זיך וואָס ער האָט געמיינט
אַז זי איז אַן אָרימע נעבעך, וואָס בעט אַ נדבה בײַ אים,
דעם פּאַסקודנעס...
נאָר זאָל זי שוין בעסער צום מאַן אירן גיין פאַר דער צייט —
איידער אַזוינס...
און מיטן פאַרטוך באַם אָפּענעם אויג בײַ דעם איינעם —
ציטערט זי איבערן פענדל.

אַ מעשה

פֿון אַ מעשה וועגן רב ישראל פֿון מעזשביזש —
— און צו דער מאָרגנזון געווענדט:
האָט ער אַ פּאַטש געטאָן מיט זיינע בײדע הענט
און האָט געזאָגט: — „געבענטשט איז דער וואָס
ברענגט אונז פֿרייד,
ער איז געגליכן צו דער זון באַם אויפֿגאַנג
אין זיין ליכטיקייט.“

אָ, מאַנדאַלען,
אויף דיין געלעגער, דאָ מיט דיר,
אַ פּאַטש טון ווילט זיך מיר
מיט מיינע בײדע הענט,
ווי דער בעל שם אין פֿעלד צום מאָרגן־ליכט געווענדט.

ער האָט דעם מענטשן, וואָס ברענגט אונדז פֿרייד,
פֿאַרגליכן צו דעם אויפֿגאַנג פֿון דער זון אין ליכטיקייט.
איך וויל אַז אויב דער וואָלקן אויבן זעט מיך דאָ
אַ בלוטיקן, אַזאַ ווי איך זע אים אין אָט דער מאָרגן־שעה
זאָל ער אַן עדות זיין, אַז דו שטאָפּסט אָן
מיט צער מיין זעל ווי מ'שטאָפּט אַ האָן
מיט זאַמד און שטיין — פֿאַר איר, דעם נגיד'ס ווייב אין מאַרק,
וואָס מיינט, אַז איר קומט מער
ווי יענער אָדער דער,

ווייל זי איז ענלעך צו אַ קליינעם באַרג
וואָס קריכט ! — אָ, סאַראַ נס דאָס איז —
להבדיל ווי אַ מענטש אויף צוויי געשוואָלענע פיס.
אָ, מאַגדאַלען.

נאָר ווער עס דאַרף צעגיסן ווי אַ קינד
אַ פלאַש מיט רויטן טינט
אויף גאָלדן בריוופּאַפּיר, צו זען, בלוט פאַרגאָסנס פאַר אומזיסט !
דיין גורל אויך — איך ווייס אַז אין דעם לעבן פון דער הון
(ווי לאַנג זי שפּילט זיך נאָך מיט מויל און פיס אין מיסט)
איז אויך פאַראַן פון וואָס אַ טראַכט צו טון.

אינמיטן מאַרק — דער מאָרגן־זון דער ליכטיקער אַנטקעגן
צעבלאָזט מען איר די פעדערן — דאָס קלייד, און מ׳שטופּט אַריין
אַ פינגער אין אין בויך צו זען צי זי וועט זיך לייגן
ווי עס דאַרף צו זיין.
און ווייַ, ווען זי איז אַלט,
אַ שליידער טוט מען זי, ווי מ׳וואָלט זיך אָפּגעבריט
און ס׳אַרט ניט וואָס זי פאַלט.

אַ פייל פון בויגן פליט
דער מאַרק־סוחר אַ טאַפּ צו טון, ווי נעכטן,
אין דערזעלבער צייט — אַן אַנדער מאַרק־פויגל
צום אויסנוצן און שעכטן.

און זי — פאַר עוף געבונדענעם איז אויך דער טאָג צו גרויס,
און ווען אפילו שוין זי מיידט דעם חלף אויס
ביז זון־פאַרגאַנג — איז דאָ דער אָרימאַן.
און אויך צו אים איז אַ באַגער צו פלייש פאַראַן,
ווי האַרט עס זאָל ניט זיין און אַן אַ טראָפּן בלוט.

פאַר אים — דעם אויסגעהונגערטן, איז אַלצדינג גוט —
אַ מאגדאַלען.

נאָר אויך דאָס יונג־זיין איז אַ שטראָף און מ׳מוז ניט זיין
ווי יוסף שיין
(די פרייד פון יעקב׳ן אויף זיינע עלטער־יאָר)
וואָס האָט געדאַרפט אַ קנעכט פארקויפטער קיין מצרים גיין,
צו זען, אַז דאָס איז וואָר.
אָט נעם מיין פעטערס זון.
זיין מאַמע איז געגאַנגען פון דער וועלט ווען זי האָט אים געהאַט,
האָט עפּעס — נאָך געפּעלט ווייזט אויס צום עלענט אים —
ס׳זאָל אויסזען אַקוראַט:
איז דאָס נאָך ניט גענוג, האָט ער אויף אַכטן טאָג נאָך זיין געבוירן
געדאַרפט פארקריפּלט ווערן אויך — ער האָט צופיל בלוט
ביים מל זיין פארלוירן.
דער דאָקטאָר האָט געמיינט ס׳איז גאָרניט ניט. מ׳וועט
פילעווען מיט הון
אים נאָכאַנאַנד,
און זיבן אייער אין אַ לאָקשנבלאַט
אריינקנעטן, און ווען ער וועט אויסוואַקסן — אַ ווייב פון
פיינעם שטאַנד
אים אויסזוכן, און היילן אים ווי ווייט מען קען —
נאָר טו אַ בלינדן ברילן אָן, און היים אים ער זאָל זען —
און פרעגל טויבן־פּאָרלעך און פארזים דעם ברוין
מיט האָניק פון דעם בעסטן סאָרט, וואָס טויג דאָס דיר, אַז
דו האָסט ניט קיין ציין.
און וואָס אפילו ווען מ׳איז רייך שוין, ווי מען זאָגט, צו באָדן
זיך אין וויין,
אַז טרינקען דאַרף מען אים און דורשטיק זיין
צו זען דאָס וואונדער וואָס ער טוט —
מיט אייגן בלוט.

ס'איז וואָר, ווי פאַר דעם קעניגס טאָכטער מיט טראָמפּייטן
גייט פאַראויס
דער כבוד פאַר דער שנור דער איינציקער אין נגיד'ס הויז.
נאָר אַז סע בייט די פאַרב אין פּנים זיך בא איר באַם אָנבליק
פון איר בעט,
און אַז דאָס פענצטער בלויז קען הערן, וואָס זי רעדט.
אָ, וואָס איז דעמאָלט שוין פאַר איר דער גאָרטן מיטן צאַם,
אויב ניט אַן אינדזל אויפן ים ?
און וואָס פאַר אונדז די לויטערקייט פון איר פאַרבענקטן בליק,
אַז פליגל האָט דער פויגל בלויז, און וואָס מען גיט אים מיט
(ווען אויפן האַנט דאָס רינגל ווייגט ווי אַרום האַלדז אַ שטריק)
ווייסט קיינער ניט.

ס'איז וואָר דער זינגער זינגט באַנאַכט אין שענק
פון טייערע, ווי שטערן, אויער־געהענג,
פון שיכלעך גאָלדענע אויף פיס, וואָס ציען ווי כישוף צו,
און ווער סע האָט דאָס אַלץ, באַדאַרפט ניט אָפּשפּאָרן פון
ברויט, ווי דו
אַ העמד — דאַמאַסקן־זייד צום שלאָפנגיין צו האָבן,
נאָר זי, וואָס רייסט דאָס העמד אויף זיך מיט אַ פאַרשטיקט געוויין,
זי רייסט ניט האַרץ — ווי ס'ווייזט דער זינגער אָן מיט הענט
אויף זיך אַליין —
זי רייסט פון זיך תכריכים לעבעדיק באַגראָבן —
מאַגדאַלען.

איך האָרך, ווי צו אַ נס, צו דיינס אַ יעדן ריר,
וואָס מעקט, ווי גומי, בלייגעשריפטס מיין שכל אויס אין מיר,
ביז קינדישקייט. פאַר ווענען האָניק פון אַ קריג די זון דאָ
אויף דיין קאָפּ
פאַר מיר איז דאָס מיין אָטעם וואָס איך מעלק ווי מילך פון
אַ בהמה אין אַ טאָפּ.

איך ברענגט מען שטרוי און שאָלעכץ פון קאַרטאָפל צו —
ווען זי מאַכט מו!
איך מאַלעגיירע אַש מיט שטיקער קויל
וואָס פליען ווי דורכן קוימען פון אַ קאַלכאָויוון — פון אַט דעם מויל
וואָס האָט אין רעסטאָראַן
ערשט נעכטן נאָך, זיך אויפגעטאָן ווי בײַ אַ קינד וואָס עסט
פון האַנט,
אָ, סאַראַ ליכטיקייט, געהייליקטע, פאַר מיר,
עס האָט אַ לויכט געטאָן פון דיין פאַרשעמטן בליק ווען מ׳האָט
פאַר דיר
אַוועקגעשטעלט דאָס הינדל אויפן טיש, וואָס איז געלעגן טויטערהייט
מיט בויך אַרויף און מיט די פיס צעשפּרייט.
איך אויך האָב מיטגעלאַכט אודאי. מיין פאַרדאָרבנקייט האָט
אויף אַ קול געלאַכט!
נאָר שטילערהייט אין זיך
האָב איך ווי דער בעל שם, די זון אין פעלד,
געבענטשט די נאַכט,
וואָס זי האָט אַ חלום אויך, אַזאַ ווי איך.
איצט דאַכט זיך אַז ס׳האָט די וועלט
אין טרויער, ווי דער ים אין טיפעניש קיין גרונט.
און ווער עס זעט איצט מאָרגנזון — אין מיר איז דאָס אַ וואונד,
ווי דאָ דיין קלייד אויף דר׳ערד וואָס כ׳האָב דיר אויסגעטאָן.
איצט זע איך אַז ס׳איז רויט
ווי אַ פאַרבלוטיקט העמדל פון אַ קינד וואָס מ׳האָט געטויט
ווייל ס׳האָט געחלומ׳ט ברויט.
און האָט פון שלאָף געלאַכט —
ווען ס׳איז געקומען גאָלד זוכן מיט שטיקער האָלץ און העק
באָם פעטער יונה מיינעם — קברן פון דער שטאָט. — ס׳איז
ניט געווען קיין שרעק
וואָס כ׳האָב געפילט דעמאָלט — נאָר מיטן אין דער נאַכט.

האָב איך דערזען אין שפּיגל פון אַ זומפּ, אַ גולם, זיך אַליין —
מיט הויט — בית־עולם־ערד און מיט אַ קאָפּ פון שטיין.

אַ. מיידל מיינס,
איך זאָג דיר אויס איך וואוין שוין איצט אויף יענעם באַרג
וואָס איז נישטאָ, און ווערט אין בלויז געשריפטן אָנגעווענדט —
צי שענקען זיך, דעם ליים אַ שטיקל פונדאַמענט.
נאָר פרעג בא מיר, ווי לאַנג איך האָב געדאַרפט צו גלויבן זיך אַליין:
אַז איך בין נענטער צו שטערן זון און בליין
ווי אונטער מיר, דער העכסטער אונטן דאָרט — דער גלאָק
אויף קלויסטערשפּיץ
וואָס שרעקט זיך אַפילו האַלבע נאַכט — אין פאַנצער —
שטיין אין שטאָל
צו שרייען אויף אַ קול.

ס׳איז וואָר, איך האָב מיר איינגערעדט אַז דריבנע קליין
ווי פליגן אויף אַ טויטן מייזל, זע איך אונטן שוין די לייט
דאָרטן אויפן מאַרק,
און אַז זיי קריגן זיך אַרום דעם ביסל ווייב מיט עסן.
— קיילער אויף יאַריד אַרום געבונדענע חזרימלעך אַ פּאָר
וואָס יעדער יויל זיי שעכטן.
נאָר ווידער וואָס איז וואָר — צי שטילט דאָס איין
אין מיר אַליין די בענקעניש וואָס וויל ביים אָוונט־שיין
עס זאָל זיך (ווי אַ הור
ווען זי האָט ליב) אַוועקשענקען צו מיר די שיינע פרוי,
פון רייכסטן סוחר אונטן, דאָרט, וואָס חלומט אויך אַזוי? —
צי וועל איך זי אַוועקשטויסן פון זיך ווען זי וועט מאָרגן
אָדער איבערמאָרגן וועלן מיך באַזאָרגן
מיט אַן אָנבייסן אַ בעסערן ווי כ׳האָב געגריזשעט נעכטן?
איך זאָג — אַ דאַנק דיר גאָט, איך הער ניט מער

דעם שטאָלץ אין זיך — די הון וואָס שרייט ווען ז'האָט
געלייגט אַן איי.

איך זאָג — אַ דאַנק דיר גאָט, וואָס ביז צו מיר אַהער
דערגרייכט ווי בין־געזוויש פון גרויסשטאָט דאָס געשריי
וואָס ראַנגלט זיך מיט שטיין און שטאָל־געקלאַנג און דראָט און ראָד
און ווייקט פון פרי ביז אָוונט זיך ווי אין אַן אייביקער באָד,
אין שווייס דעם אייגענעם, וואָס קאַפּיטאַל וועט אפשר באַלד
שוין אויספּרובירן —
שיפן איבער אים ווי אויף אַ ים, צו פירן.
איך שפּרייט די הענט און זאָג: — אַ נאַקעטער בין איך,
און ווייז דיר אַז איך פריי זיך מיט דער הויט אויף זיך
וואָס באַלאַנגט בלומרשט, ווי אונטער מיר דער אויסגעטראַכטער
ברוינער שטיין
אין פייער פון דער זון.

נאָר שטעל מיך אָפּ און פרעג פאַרוואָס איך רעד דערפון
צו דיר — — — — צו זיך אַליין — — —
וואָס קען איך ענטפערן? אַז איטלעכס וואָרט וואָס איך פאַרנעם
פון זיך אַרויס —
זעט אויס באַ מיר אַ פויגעלע וואָס איז אין שלאָף אַריינגעפאַלן
אין אַן אומריין אָרט,
און האָט מיט שרעק זיך אויפגעכאַפּט אוועקצופליען פון דאָרט —
מיט אַזאַ ווילד געוויין!

פאַראַנען לייט
וואָס קאָנען אויך אין אָוונט שטיל ניט זיין.
זיי נוצן אויס פאַר שלאָפגיין דאָס ביסל צייט
ווען זאָרג לאָזט אָפּ, און נעמען זיך אַ פרוי אין זין אַריין
און הויבן אָן צו זיך אַליין
באַם פענצטער זינגען עפּעס, מיט אַזאַ געוויין

און מיט אַזויפיל בענקעניש אין בויך —
אַז ס'קאָן זיך אויסדוכטן, די וועלט איז אַ שפּיטאָל
וואו אַלע קראַנקע זיינען אידן בלויז, וואָס וויינען אויף אַ קול —
און הויבן זיך אַזוי אַהין און קריק.

פאַראַנען אידן אויך
וואָס וויינען מיט די הענט ווי ווייבער אונטערן בויך,
און אַנדערע וואָס שטרעקן זיך אין זייער גאַנצער גרויס
ווי אויף אַ צלם אויס.
נאָר יענע אויף דער וועלט
וויינען, מיט די אויגן אָנגעשטעלט
צו מזרח־זייט — צו יענעם לאַנד
וואָס ליגט צווישן אַזיע און אַפריקע און אייראָפּע—פּונקט אינמיטן.
דאָרט אין אַ שטאָט — ירושלים הייסט זי — שטייט אַ וואַנט
וואָס האַלט זיך באַם צעשיטן,
און ס'איז דאַכט זיך נישטאָ אויף איר
אַפילו פאַר אַ פייגעלע קיין זיכער אָרט.

זיי אָבער זעען גאָט —
און דוקא דאָרט!
און ווייל עס שטייט געשריבן:
אַז די זיידעס וואָס מען האָט צעטריבן
האָבן צימבל, האַרף און פלייט געלאָזן
ערגיץ־וואו אין בבל אויף אַ בוים —
פּרוּווט מען אויף אַ האָרן עפּעס אויסצובלאָזן,
און מען קלאַפּט ווי אין אַ פּויק אין אייגן האַרץ וואָס זשיפּעט קוים.
און ווייל מען איז שוין לאַנג צום שטאַרבן אַלט
און מ'דאַרף מיט גאָט פון וועגן טויט זיך דינגען,
און מ'האָט שוין קיין ליד ניט צו זינגען —
מאַטערט מען איינעם מיט אַ גרויס געוואַלד.

און מ׳קוקט אויף דעם וואָס גייט אַרום אַ שטילער צווישן זיי
ווי ער וואָלט אַ משוגענער געווען
און מ׳וואַרפט אים שטיינער נאָך, און מ׳טוט אים ווײ
איטלעכער באַזונדער, — מיט וואָס מען קאָן.

די לייט מיט ברילן אויף דער נאָז —
ווער סע ברענגט מיט זיך אַ רעגנבויגן מיט, און ווער אַ זייפּנבלאָז.

און ווער להבדיל, ווי דער ווינט פון וויטן לאַנד
אַ פייף פאַר דעם וואָס שטרעקט צו אים זיין האַנט.

נאָר דער איז עפּעס גאָר געווען אַן אויסטערליש פּאַרטרעט —
אַריין אין שטוב, אַ וואָרף געטאָן דעם מאַנטל מיטן רענצל אויפן בעט.

און ווי מיט פּורים־גראַגערס פון אַ סאַמעטענעם זאַק מיט
גאָלד באַנייט
אַ שאָט געטאָן מיט רייד,

און ווען ער האָט אָפּגעטאָן דאָס אַלצדינג וואָס מען טוט באַנאַכט
ווען מ׳האָט אַ פרוי אין בעט — האָט ער זיך אויסגעסאַפּעט,
אָפּגעלאַכט,

און פון מיין העמד, באַם האַרצן, אַרויסגעשלעפּט בײַ מיר
דאָס נאָזטיכל — און אין די ווינקלען אַלע פיר —

זיך מיט אַ הילך אַריינגעשנייצט — און מיט אַ זשעסט
(גיי פויגעלע צוריק צו זיך אין נעסט)

האָט ער דאָס מיר אַריינגעלייגט צוריק פונקט אויף דעמזעלבן אָרט.
דערנאָך האָט ער נאָך אויפגעגעסן ביידע שטיקלעך טאָרט —

און זיך פאַרקרימט באַם לעצטן ביסל ווײַן — און גלײַך ער
האָט אָפּגעטאָן —
אַזוינס וואָס סע וואַרט די וועלט אויף דעם פון אייביק אָן,

האָט ער זיך אויסגעשטרעקט אין קיניגלעכער גרויס
און ווי אויף שטאָלצן, אָן אַ זײַ-געזונט צוריק אין גאַס אַרויס.

מיידל מיינס, איך ווייס: פּאַראַנען אויך לײַט
וואָס באַדויערן אַליין זיך מיט אַ קלאַנג,
ווי באַ אַ פרעמדער פרוי אין הויז אַ איד פּאַרטאַג,
וואָס וויל די זינד — וואָס וועקט אים אויף — דערלאַנגען
אַ פּאַריאַג,
מיט רייד די הייליקע פון תהילים, וואָס ער זאָגט אויף אויסנווייניק.
דער גלח אויך וואָס האָט אַ גאָט —
שטייט פאַר דער קלויסטערשוועל מיט אויגן צו דער שטאָט,
וואו מ'האָט אים איינמאָל שוין געכאַפּט זיך האַלדזן מיט אַ מויד.
אָ, דעמאָלט איז דאַך קלאָר אַז ס'איז דאָס ראַנגלען זיך אומזיסט,
און אַז דו וועסט אַנדערש שוין ניט זײַן מער ווי די ביסט!

ווײַל אים, דעם גלח, זײַנען דאַך די אידן איז די פינצטערע כאַלאַטן
באַפּאַלן שיר ווי הינט אַ קאָטער אויף אַ פרעמדן פלויט,
אין אָוונטשײַן ווי מיר אינגאַנצן רויט.
און ס'האָט דאַך דעמאָלט אויך אַ זיצערקע אין וועג, פון מאַרק אַהיים
אַ קויש מיט אייער אָפּגעלאָזט און מיט פאַרבראָכענע הענט
געוואונען ווי אַ וויכער טראָגן זיך צום שטיבל אירן, שטרוי און לײם!
און ווילדער וואָלט אַ ריז ניט יאָמערן געקענט
ווי זי, ווען איר האָט זיך געדאַכט אַז אַלצדינג ברענט.
און מער האָט ניט געפעלט
אפילו פון דער באָד איז מען אַרויסגעלאָפן.
פרייטיק איז געווען, ווען דאָס האָט זיך געטראָפן,

און דאַכט זיך אידן זקנים
פונדעסטוועגן, ווי ווילדע אַלע — נאַקעט אין דער קעלט,
און ווי אַ קלויסטער־כאָר אינאיינעם
האָבן זיי געליאַרעמט אַרום אים און ער — אין זיין צעשפּיליעטער
קאַפּאָטע —
ווי בלעטער אויף אַ בוים אין האַרבסטווינטן האָבן זיינע הענט
געציטערט ביים פאַרגאַרטלען זיך די הויזן פול מיט בלאָטע,
ווייסט גאָט פאַרוואָס מען האָט זיין מענטשלעכקייט אין אים
אַזוי געשענדט! — — —

פאַראַנען נאָך לייט וואָס קלעטערן אויף בערג מיט אייז און שניי,
און זינגען אויבן.
דער דיכטער חלומט אויס אַ באַרג
צו זיין אויף אים דער העכסטער, איבער אַלצדינג דאָ.
איך זע זיך שטיין ווי אויף אַ טרוניזשאַק אַ טאָפּ אַ קאַלטן שוין,
מען דאַרף בלויז — דוכט זיך מיר —
מען זאָל מיין קאָפּ — די פּאָקרישקע אַרונטערנעמען
וועט מען דערזען זיך ווייקן אַ פּיראָג
וואָס איז צערונען
ווייל ס׳איז פאַר אים באַם קאָכן זיך די היץ צו גרויס געווען.

מיין מאַמע (ערשט ניט לאַנג געשטאָרבן ווי מען שרייבט מיר איצט)
זי האָט אַמאָל אַזאַ
אינמיטן העלן טאָג, אין מיסט אַרויסגעוואָרפן.
מיין טאַטע וואָס האָט מיין צער, מיין קינדישן געזען;
האָט זיך געווענדט דאַביי צו מיר אַזוי צו זאָגן:
— מען טאָר ניט וויינען קינד
די פליג, דאָס ווערימל אין מיסט
דאַרף עסן אויך —
ווייל דאָס וויל גאָט אַזוי!

— און איך אויף דעם, וואָס טאָמער וועט צעטרעטן דעם פּיראַג
א קעלבל וואָס מען שלעפּט צום שחיטה־באַנק,
האָט ער געענטפערט מיר:
— פון אַלץ וואָס ווערט צעטראָטן דאָ,
ווערט בלאָטע, פּאַרע
וואָלקן וואָס צעשוועבט.

און ווער אויף העכסטן באַרג — האָט ער געזאָגט —
קען נענטער זיין צום הימל
ווי אזא וואָלקן אין דער הויך! — ווען ער איז אַלץ און גאָרנישט!
און ווער קאָן אויסזען נישטיקער בא זיך — האָט ער געזאָגט —
ווען ער איז אַלץ און גאָרנישט! — — —

איך בין אַליין,
און קוק אַרונטער פון מיין באַרג
אויף מענטש און מאַרק,
וואָס זעען אויס פון ווייטן אַזוי גרוי און קליין
ווי פליגן אויף א טויטנפעלד.

נאָר פּאָרט — וואָס טוט מען אויף דער וועלט,
מען שטייט אויף אין דער פרי
צו לויפן מיט א האָן אין שעבט־יאַטקע און אויסמעלקן די קי,
דאַביי לאָזט מען א באָרד א לאַנגע אָנוואַקסן אויף זיך.
און ווען די זון גייט אונטער טוט מען אויס די שיך
און מיטן בליק — ווי אייביק אין דער פרעמד —
זוכט איטלעכער אַ פרוי אין ווייסן העמד,
און ווער עס האָט קיין האָניק ניט צום אָוונט־ברויט
גייט שלאָפן ווי א גזלן, ברוין און בלאָ און רויט.

נאָר ווער עס וואַרפט אויף אַנדערע א שטיין —
איך רעד צו זיך אַליין.

איך היים מיר ווערן גרייט
זיך אָפּזאָגן פון גאָר דער פרייד —
בײַ טישן פול מיט עסן.
און היים מיר מער ניט טרוימען קיין פּרינצעסן,
— אפילו ווען זי איז פון ווייטן ווי אַ מלאך שיין.
און אויך אַ ביכל — זאָג איך — טויג צו גאָרנישט־ניט, ווען
ס׳איז אַליין.

נאָך מער — זאָג איך — דאָס פּשוטסטע נישטאָ. ס׳איז בלויז,
מען רעדט זיך איין.
דו טראַכסט דיין שכן האָט אַ פרוי,
און ער פון דיר טראַכט אויך אַזוי,
און איינער גייט אַריין
אַ לעבנלאַנג צום אַנדערן אין הויז —
און גאָרנישט קומט אַרויס.

ס׳איז וואָר — אַ פרוי פון גאַס קען זיין אַ פריינט —
נאָר בעסער ניט. מען ציילט אָפּ צווייטאָל היינט,
איז מען שוין צוגעוואוינט אַז זי זאָל אַלץ באַזאָרגן.
און איידער נאָך ס׳איז מאָרגן, אָדער איבערמאָרגן,
איז רעכט זי מיט אַ פוס צו שטויסן
ווייל זי האָט געלט פון דרויסן
אַביסל ווייניקער ווי נעכטן אויף דער נאַכט
אהיימגעבראַכט.

און אַ חוץ דעם — אַזאַ ווי זי
קען, ווען מען שלאָגט זי — פאַלן אויף די קני,
צי אויף דער פּלייצע גאָר, מיט אַ צעבלאָזן קלייד,
און ווען מען זעט די פיס אין לופט צעשפּרייט

און די צעקרומטע קנאַפּל אויף די שיך
קומט אויס, אין וואַסער וואַרפן זיך.

דערפֿאַר איז איבעריק שוין דאָס שענסטע וואָס מען האָט.
דאָס זאָג איך ווידער בלויז — צו זיך אַליין,
עס זאָל מיר גרינגער זיין דאָ אויפן באַרג צו שטיין.

נאָר מ׳דאַרף מיך ניט פאַרגלייכן צו דעם גאָט
וואָס זעט זיך אויפן צלם, אויף דער קלויסטער־וואַנט.
אונדז טיילט אַ גאַר באַזונדערע דרייאייניקייט פאַנאַנד.

ער, טאַטע — זון — און מאַמע — אין דער הויך,
אין מיר מיין אַלטקייט, מיין צוריקגעצויגנקייט, מיין ליולקע־רויך.

נאָר ניט איך מאָן! מיין נאָענטקייט צו דיר באַנאַכט,
האָט מיר ניט צוגעזאָגט קיין שטראַלן־רינג אויף דיר,
און ניט קיין וועלט דערלייזער אויך, וואָס זאָל דורך מיר,
צעוואַקסן זיך בא דיר אין מוטער־טראַכט.
מיר טוט נאָר ווי פאַרוואָס דו הערסט זיך איין
מיט אַזאַ פרעמדער האַרטקייט אין געזיכט —
ווי איך דאָ לעבן דיר אַ נאַקעטער, וואָלט זיין
אַ שונא דיר אַ בלוטיקער — געטראָפן אומגעריכט,
נאָר ווער עס איז קראַנק און וויינט מיט דיך צו דיך
ווייל ער האָט ליב ווי ליכט אַרום אַ מת צו צינדן פינצטערניש
פאַר יענעם און פאַר זיך —
און ווערט מיט האַרץ צו האַרץ ווי מיט אַ טשוואָק צום ווייב
אַ צוגעשלאָגענער,
באַגערט צו זען באַשיינפערלעך דאָס גליק, זיין טרוימעניש,
און זעט ניט אַז ער איז ענלעך צו אַן אישה אַ צעטראָגענער
וואָס האַלט דעם פלעדערוויש באַם באַק־אויוון — און זוכט
דעם פלעדערוויש.

און ווער סע זוכט שוין גאַרנישט מער דאַבּיי — ווייל ער איז קלוג
ווי ס'אויער אויף דער ערד פון אַ צעבּראָכענעם קרוג.
צי ווייל ער זעט אַז ס'איז דאָס זומערלאַנד וואָס רופט פון ווייטן
די שוואַלבּ
פון נאָענט אַ קו אָן אייגענע אין קימפּעט מיט אַ קאַלבּ.

פאַר מיר — די נאָענטקייט פון אַ ווייב איז אַ יום־כּפּור תּפילה,
און ס'קען אַ גרייז דעם טלית פון זיין גוף נאָך נעילה
ניט אָפּטון אַזוי פרום, ווי איך איר נאַקעט לייב פון זיך טו אָפּ.
נאָר ווער סע טרוימט אין וועג פון שול, אַ ווינטער מיט אַ שניי,
און זעט דאַבּיי זיין ווייב — דאָס פייער פון אַ מלאך באַ די
פיס די צוויי
געשוואָלענע פון קעלט. מיר ברענג דעם הימל אין אַ פייערטאָפּ.
דאָס אַלט־ווערן איז ניט קיין שניי וואָס שמעלצט! — און לעבן דיר
באָם ליכט פון דיינע אַכצן־יאָר — לבנות איבער מיר —
איז ווייסער נאָך מיין קאָפּ, ווי אין דעם וואַנטשפּיגל, וואָס
מאַכט אַ סוד דערפון!

איך האָב געזען פון באַן־פענצטער אין מדבר־וועג אַ וואָלקן
אין דער מאָרגן־זון,
איר ליכט — זיין צירונג האָט אים פון דער וועלט אַרויסגעמאָלקן
ווי אין אַ שוואַרצן טאָפּ אַריין די מילך די ווייסע — גינגאָלד
פון דער קו.
מיך מעלקן נעכט וואָס בינדן ווי מיט שטריק מיך צו
צו זיך אליין — דעם סלופּ אין שטאַל דאַריבּער איז פאַר מיר —
דער שטערן אין דער נאַכט — דער שענסטער צווישן זיי:
אַ צאָן וואָס טוט ביז משוגעת מיר וויי!
אַ בּראַנדיקער געשוויר —
וואָס פרעסט מיר אויף מיין איינגעווייד אין בּויך.
פאַר ווערמען ליכט, אַפילו אין דער ווייטקייט פון אַ שרפה־רויך,

פאַר מיר די לאָמפּ אויף הורן־הויז, דאָס ליכט פאַר מיין געמיט
וואָס אָט איז דאָס אַ גויע אויף יאַריד
וואָס גייט צוקינד, און אָט אַ מויד וואָס שפּילט זיך נאָך
(מיט בוזים־שטורם פאַר אַ וואָלקנבראָך)
מיט פרינצן אַרום בעט —
ווי אַרעמעלייט אין אָטשערעט
באַם טיר פון נאַכט־אַזיל.

איך זאָג צו זיך: באַם קינד אין שפּיל
ווערט גאָלדן מעל פון זאַמד, פון שערבלעך — וואונדער־קרעלן,
נאָר קינדהייט, נאָכאַמאָל — אפילו ווען מען קען דאָס שוין באַשטעלן
וואָס טויג דאָס מיר, אַז דו ביסט נעענטער פון אַלץ וואָס איז נישטאָ!
און דאָס געלעגער דאָ, —
איז מיר מאַרטירער־באַנק

אפילו ווען דאָס יונג־זיין דיינס איז וואָל פון לאָם אַרום מיין
דאַרן האַרץ.
איך ווייס די שטרוי וואָס טאַנצט צום פייער אויף איר וועג
צום אונטערגאַנג,

זי קען מיר אויפוואַרפן, אַז איך זע אַלצדינק שוואַרץ.
און דאָ — אָט ליג איך דאָ מיט אברים טשאַד און רויך
און מיט צוויי אויגן יאָרצייט־ליכט צום אויפגאַנג פון דער זון.
— און וואָס בין איך פאַר דיר? — אַ גאַסניונג וואָס דאַרף
דעם ווייבערישן בויך
ווי אויף ברעט אויף גלאַטיקן אַ גליטש זיך טון.

אין מיר מיין שווייגן איצט דאָס לעצטע רויב-געשריי
פון וואָלף וואָס וואַרט אויף מיר אַליין אין שניי.
און דו, וואָס דאַרפסט מיר זיין מיט דיינס אַ מינדסטן ריר
די טויב די ליכטיקע אין מבול פון מיין אַנגסט — דו זעסט אין מיר

דעם לומפּ וואָס וואַרפט (ווען ער איז אָנגעטרונקען שוין) דאָס
גלאָז פון וויין —
אין וואַנטשפּיגל אריין.

אין מיר מיין זיין — מיט — דיר, וואָס וויינט ווי אויף די פינגער
פון א גוי
די גראָשנס, וואָס ער ציילט פאַר אָפּגעגנאַרטער מאָס,
און דו וואָס דאַרפסט מיר זיין אַ מאַמע און אַ פרוי,
דו זעסט אין זאָמען פון מיין גוף אַ טרער פון אַ פאַרקילטער נאָז.

ס׳איז וואָר, מיין עלנט דאָ פון קינדווייז אָן האָט מיך גענוג
פאַרהאַרטעוועט — ניט צוצורירן זיך צום האָניק פון דיין קרוג,
אפילו ווען ער ציט צו זיך מיט שיינקייט פון אַ רעגנבויגן —
הענט און אויגן.

נאָר זאָל שוין זיין אַז איך בין דאָ דער שטיין אין מיל
פון איבער דיר דעם קערנדל, און מ׳פרעגט ניט צו איך וויל!
ווער אָבער דאַרף (ווען מ׳האָט געשניטן און צעמאָלן שוין
דאָס ברויט)
די שטרוי וואָס בלייבט אין פעלד און שטעכט זיך ווי מיט
נאָדלען דורך דער הויט!
און אַז דער גרויסער זון שטייט אָן צו קריכן דורך אַ שויב
אין אויג אריין,
ווער דאַרף דאָס לעבן דאָ (וואָס וויל געבוירן זיין)
זאָל מוטשען פרעמדע צוויי ווי אונדז מיט בלוט־געמיש.
און ס׳ליגט דאָך בויך אַרויף און מיט די פיס צעשפּרייט
די הון אויף סאַמע טיש —
אפילו טויטערהייט,
און סאַראַ שיינס אַזוינס איז דאָ אין דעם!

נאָר דאָ — אַ מאַגדאַלען — זאָל ווידער ריידן דער וואָס איך
בין ניט די ווערט
דאָס ווערימל געבוירן פון זיין גוף אין שוואַרצער קבר־ערד
דער הייליקער בעל שם:
— סע ליאַרעמט ניט די הון פון ביסל אייגנס אַנגערעגט
ווען זי האָט זיך אָפּגעלייגט.
זי רופט דעם האָן אַרויסצוואַרעמען דעם חלק פרייד —
וואָס גאָט האָט ווי פאַר איר, פאַר אים אויך אָנגעגרייט.
ס'איז וואָר, אַז ער האָט דאָס געזאָגט,
צו טרייסטן שטאָט געשלאָגענעם וואָס האָט פאַר גאָט געקלאָגט,
מיט אַ געוואַלד אַזאַ, ווי אונטערן קאַנטשיק פון אַ פּאַן —
זיין ווייב, ווען ער פאַרהויבט באַ איר דעם סטאַן
צו שמייסן זי צוליב דער רויטקייט וואָס אים פעלט,
אין טעג אַזוינע דאָ וואָס גייען אָן זון פאַריבער אויף דער וועלט.

נאָר אויך מיין זיידע האָט גאָטס ווילן אויסגעטייטשט
און דאָס געיאָמער פון הונט ביז רויען פלייש צעבייטשט
איז יום־טובדיק געזאַנג אַנטקעגן זיינע רייד.
צום מיסט, דעם חזירס שפּייז, האָט ער געשטעלט די פרייד,
ער האָט געזאָגט: מען דאַרף דעם גוף זיך צערן,
ווי אַ פּענצטער דורכזיכטיק צו ווערן,
און צוליב וואָס? — מען זאָל מיט זיך אַליין קיין שאָטן
מער ניט זיין —
אַריבער ספר הייליקן אין זון און שטערן־שיין.
אין אים אָבער לויט מיר דוכט אויס, האָט זיך די אומבאַהאָלפנקייט
פון קריפּל אויף דער וועלט
(פון זינט זי שטייט)
צענויפגעקליבן זיך און זיך פאַר גאָט פאַרשטעלט.
אים איז דאָך רעכט געווען (אַ סאַראַ מאָדנע רעטעניש דאָס איז)
דעם טלית און די תפילין, שמאָכטעם צוויי, וואָס מאַכן פורים־יאַלדן

פון דעם וואָס טוט זיי אָן, צו טראָגן אין אַ סאַמעט־זאַך
ארומגעוועבט מיט גאָלד.
און ס'העמד אויף אים דאַביי זאָל שטינקען ווי אַ שמאַטע אויף
פאַרשוויצטע פיס.

דעם באָד־גוי אין געזונטקייט, פערד־שטאָל דעמב און זומער־ערד—
אים פעלט אַ זאַך — נאָר ער וואָס ליגט מיט טיפּוס־געלער הויט
און לאָזט פון יענעם וואַשן זיך זיין ברוך, די גרויס אַ קעפּל קרויט,
אים וועט מען בעטן טאַנצן, כבוד אָנצוטון
(אין סוף פון אַלע טעג) דעם מלך דוד'ס זון.
נאָר ער האָט דאָך אַמאָל אין מיטן מאַרק אַפילו ניט דערקענט
זיין אייגן ווייב—ווייל ער האָט אייביק מיטן קאָפּ אוועקגעווענדט—
גערעדט צו איר,
אַזוי ווי איך דאָ איצט צו דיר.

מיין מאַמע איז געווען דאָס פּערצנטע פון באָבעס קינדערלעך.
מיין טאַטן האָט מיין באָבע אויף דער עלטער שוין פון זיך
ארויסגעשוויצט,
און ער — דער פערצנטער פון אירע קינדערלעך —
האָט ער שוין ניט געבראַכט מיט זיך קיין פרייד קיין סך.
נאָר דו — אַז דו וועסט אַלט זיין וועמען וועסטו נאָכקוקן באַם טיר
אַז דו האָסט אַפילו ניט קיין איינציק קינד וואָס זאָל אוועק פון דיר
ווי איך פון טאַטנס הויז.

און גלויב מיר מאַגדאַלען, ווי מרים הנביאה פרום,
אין דזשווינגען פאַר אַ פאָלק, וואָס קריכט פון ים אַרויס —
אַ פויק אַזאַ צו מאַכן בים־באַם־בום.
אַ בויך אין שוואַנגערשאַפט איז אויך עפּעס, אפילו ווען מען
ווערט געשענדט —
פון דעם וואָס קריכט אויף דיר מיט סערפּ און האַק —
אין זיינע ביידע הענט.

אויב נאָר ס'וועט זיין באַשערט, וועט אויסוואַקסן דאָס קינד,
און אָנטון זיך אַזוי ווי איך אַ פראַק —
די וועלט זאָל זען זיין ברוסט — די אייגעפּאַלענע ווי דאָ בײַ מיר—
מיין סימן איידלקייט, פאַר וועמען נביא־ליד מיין הוסט —
פאַר דיר — אַ מום!
נאָר ס'דאַרף דער האָן אין גאַנצער גרוים
ניט ציטערן ווי אויפן בוים דאָס בלאַט אַרום איר שוים.
נאָר ווען אַפילו שוין ס'איז וואָר —
אַז פּונקט ווי מיר פאַרטאָג ווען אונדזער בלוט זעט קלאָר,
דערזעט דער האָן די שיינקייט פון דער וועלט
און רופט צו לערנען זיך באַם הימל אין דער פרי —
די אויגן עפענען פון שלאָף, און באַ דעם בוים אין זיין געשטאַלט —
צו לערנען ווי מען וואַקסט מיט לידער און געבלי
אַ ציר פאַר זיך אַליין. — און פאַר דעם אויג וואָס קוקט — אַ וואַלד
אַ בלויע ווייטעניש וואָס בינדט צונויף
די הויך וואָס וויל אַראָפּ, די טיף וואָס וויל אַרויף,
ווען זון גייט אויף. —

און ווען אַפילו שוין עס הילכט זיין קול —
ווי איבער באַרג און טאָל
אַ דונער אין זומערדיקן רעגנבויגן־שיין,
צי פאַלט עס ווי אַ שטויבל ניט אין ים אַריין.
און וואָס איז אונדזער שטאָט, אויב ניט אַ ים פון זייגערס
אין דער פרי,
וואָס וועקן אויך פון אונטער קברים שטאָל און שטיינער —
ווי געשריבן שטייט: מיליאָנען טויטע ביינער
צו שלעפּן יאָך ווי פּי,
פאַר דעם וואָס זאַמלט גאָלד פון זייער מי,
ווייל ס'איז דאָס גאָלד פון הימל וואָס ער וויל פאַר זיך צו הויך,
און איז פון וועגט פאַרשטעלט פיל גרויער ווי דער רויך —

וואָס ליגט אויף זיי, און ווען דער מיט היטל אין דער קרום,
דער ליידיקגייער דאָ, וואָס דרייט זיך אַרום שעכט־יאַטקע אַרום —
דערהערט זיין רוף, איז ער דאָך דעמאָלט שוין מיט פיס און
פליגל־וואונדן

אונטער שטריק וואָס האַלטן אים אין שטייג געבונדן
בלוט צו שמעקן פון זיין גלייכן דאָ, וואָס האָט ווי ער,
געלעבט ערשט נעכטן נאָך און איז שוין היינט ניט מער!
אינגאַנצן שוין ניט מער! — אָ, מאַנדאַלען.

אָ, זאָג, עס איז דאָך ערגיץ דאָ אַ קלוגער אויף דער ערד
וואָס האָט באַם צענטן יאָר זיינעם צו טראַכטן אויפגעהערט.
און יענער ווייסט דאָך זיכער אויך ניט מער ווי איך.
טאָ וואָס איז דאָ אַזוינס אין קריי וואָס ער דערהערט? וואָס
פרייט ער זיך,
גלייך ווי אים וואָלט דער שטאָט־שמש געוועקט—ער זאָל וואָס גיכער
קומען צו אַ ברית — זיין אינציקער לעבנס־ציל.
און אַז איך האָב די אויגן מיינע אָפּגעגעבן צום דעם וואָרט
אין ביכער,
ווי אַ טאַטע אַ בהמהניק צו בלוטיקער מלחמה שפּיל —
זין צוויי איינציקע. און אַז איך בין שוין בלינד — אַז דאָ אַפילו דיך
באַדאַרף איך מיט די הענט באַרירן איצט, צו זען דיך לעבן זיך.
פאַרוואָס זאָל — פרעג איך — רויטקייט פאַר מיין בליק
נאָך זיין עפּעס אַזוינס, וואָס שלעפּט אין מיר דעם אָטעם אויף צוריק,
און עפנט מיר דאָס מויל ווי באַ אַ גולם. אָט זע דעם וואָלקן דאָרט,
און דאָס קלייד דאָס רויטע דיינס אויף דר'ערד —
פאַר מיר איז דאָס אַ וואָרט אַ וויסטס — אַ לשון קודש וואָרט
וואָס כ'האָב פון זיך אַליין אַרויסגעהערט,
ווען כ'האָב צום ערשטן מאָל געדרייט אַרום מיין קאָפּ
אַ האָן, וואָס כ'האָב דערנאָך אַ וואָרף געטאָן אַראָפּ

אונטערן טיש ווי ס'ווארפט א מענטש ווען ער איז צאָרנדיק
א טאָפּ צו דר'ערד — ער זאָל צעברעכן זיך אויף טויזנט שטיק!

און מאָדנע ווי דאָס איז — איך בין נאָך איצטער בייז:
פון פלייש זיינער אין שיסל הויבט א פּאָרע זיך ווייל ס'איז
נאָך הייס,
און דוקא ער, מיין זיידע — מיר די הייליקסטע געשטאַלט —
ער לאָכט צום פלייש — א קאַניבאַל אין וואַלד!
און זיי אַפילו, אויך די בענטשליכט איבער אים מיט
ציטערדיקער שיין
זיי זאָגן שעכטן מוז מען! עס זאָל יום טוב זיין.
און אַז דער הימל האָרכט איז אויך פאַראַן א גאַס.
און פרעמדער צער פון מויל אַרויס איז ביליקער ווי הערינג
פון א פאַס.

ס'איז וואָר, א שטרוי אַפילו פאַלט ניט ווייל זי וויל.
און דער וואָס האָט געלאָזט זיך אָנהענגען אויף מיר?
וואָס וויסט, אין א מגפה-צייט, דאָס צעטל אויף דער טיר?
ווער מאָנט באַם בוים, אַז ער זאָל ווי א שטערן שטיל
פאַרשווינדן פון דער וועלט — און אַז באַם יום טוב-טיש
איז געל די חלה אויך — פאַרוואָס זאָל טיפּוס-געלעניש
ניט טאָרן זיין! — פאַרוואָס זאָל קאָפּ אויף קני פון ווינקל
שטוב אַרויס
ניט טאָרן זשאַווערן, ווי לעבן אים, דאָס שטייגל פאַר דער מויז?
ס'איז וואָר, — דער דראָט וואָס האַלט די פרייד פון לעבן — ברויט,
ציט צו מיט דעם א הונגעריק באַשעפעניש צום טויט.
נאָר גאָלד איז פאַלשער נאָך — און פרויען שטרעקן הענט
ווי זויג-קינדער צום ליכט — און משה בלויז ווייל פייער איז
געווען —
אין בלוט בא אים — האָט ער געקענט —

דאָס פּרעמדע פייער אויך — דערטראָגן ביז דער צונג —
אַ. מאגדאלען.

א פרוי אָבער אין אנגסט פּאַר בתולהשאפט מיט זילבער אויפן צאָפּ
באַצירט זיך מיט א האַר־קעמל פון גאָלד — א מילשטיין אויפן קאָפּ.
און וויינט דאבײ אינאײנעם מיט דער פליג
בא פייער פון דער זון אויף שטויב אין גאָרטן־באַם,
איר ברעט אינמיטן ים. — — —
און אויך די פּערל אירע ניט ווי אויפן גרונט. נאָר ווי א שטריק
אַרום איר האַלדז וואָס שטרעקט זיך צו דער הויך —
און וואָס זי רעדט צום וואָלקן און צום רויך —
דאָס ווייסט דער סטעפּ פון שניי — דאָס בעט אין הויז.
און אונטער דעם. דער ראַנד פון דעם געשיר
וואָס וואַרט דער אײנציקער אויף גאַטס וואַרשטאַט — איהר שויס.

נאָר פּלאָנטער זיך אין חכמה־קנויל, מיט נעגל רײם און בינד —
וואָס ווייסטו מער פון וואָלקן און פון ווינט?
אַ. מאגדאלען.
איך האָב געזען מײן אייגן קינד אין פיבער ברענענדיק
עס האָט געוויינט — געצוויגן זיך מיט האַנט און בליק
צום טיר פון קיך — און דאָס איז וואָרט געווען
וואָס האָט געהײסן אויפשטיין ליכט־מאַכן און זען:
אַז טרינקוואַסער איז אויפגעקאָכטערהייט
אַ מאַרגנזון אין ליכטיקייט
פאַר דעם וואָס האָט ניט מער ווי שטום געוויין —
צו מאָנען הילף — בא מענטש און מדבר שטיין.
איך האָב געזען אַן אַלטיטשקן, געבוירן בלינד,
מיט מאַרגנליכט אויף ווייסלען אָפּענע אַרויפצוצו,
און אַז איך האָב געפרעגט — וואָס זעסטו דאָרטן, דו,
האָט ער געענטפערט: בלוט וואָס רינט!

געזען דאָס אייגענע וואָס איך — אַ האַרץ, און בלוט פון האַרץ וואָס רינט.

און אויך די פרומקייט דאָ — אַז דו ביסט קראַנק און אַלט,
ווער שרעקט דיך מיט אַ גאָט און זיין געריכט?
וואָס ברעכט ניט אָפּ דעם בוים וואָס טרינקט שוין
פון זיך אַליין, די צווייגן מיט דער קרוין! — — — —
ווער הייסט אים שענדן זיין געשטאַלט
מיט זיך אַליין — אין מאָרגנליכט —
אַ „מאַגדאַלען!

איך זאָג ניט, אַז איך ווייס, ווי אַנדערש עס זאָל זיין!
נאָר ווי אַ חומש עפן אויף פאַר מיר די וועלט אין מאָרגנשיין:
בין איך אַ קינד וואָס קען אויף אויסנווייניק —
ווי אַ איד דאָס דאַווענען — דיר אויפציילן באַם קעניג
אַלע קנעפּ פון גאָלד — וואָס ער האָט געלאָזט זיך צונייען צום קלייד דעם בלויען,
צו קענען גרויסן זיך פאַר קנעכט זיינע און פרויען —
מיט קרובהשאַפט צו נאַכטהימל און שטערן.
נאָר אויך דער האָן
(און מעג דער נאָר וואָס וואַרט אויף לעקאַך פון אַ ברית מיט פרייד אים הערן)
ער ראַנגלט זיך אַרויף אויף דעם צעפוילטן פּלויט
צום הימל נעענטער צו זיין —
אין מאָרגנשיין!

נאָר אויב דער טכויר וואָס וואַרט אויף אים מיט טויט
האָט זיך דעם פאַנצער — זיין גערוך אַליין ניט אָנגעטאָן,
איז אויך דער קעניג אויף זיין טראָן
מיט קרוין אין קלייד —

געוויין פון אונדז אליין, אין אונדזער נאַקעטקייט.
און וואָס איז מיר דער זינג־פויגל אין שטייג פון גאָלד — אז ווען מען דאַרף
צערייסט די קאָץ זיין גאָרגל — אָרגל און האַרף! — — — —

איך שטרעק די הענט
צו גאָרנישט ניט געווענדט.

מיין בענקעניש אין מיר, פאַר זיך אליין פון האַרטן פעלז אַ צאַם.
און בויגיק אַרום האַרץ מיינעם ווי וואָל אַרום דעם האַלדז פון לאַם.
נאָר אַרום מיר, פון דיינע הענט די הויט —
איז ווי אַ מוטער ליב. און ווי אַ חלף שאַרף. — דער אָרימאַן באַצאָלט פאַר ברויט
מיט גראָשנס פון אַ קניפּל אונטער שמאַטעס אויף זיין לייב.
מיט וואָס צאָל איך פאַר דער דערלויבעניש צו זען דיך לעבן זיך — דו, ווייב,

דו קינד אין וויג,
דו טויב מיינע, וואָס פליט וואוהין איך שיק —
אין מבול פון מיין צער! — דו ליד אין מיר און לעצטער אויסגעשריי
פון וואָלף אין מיר, וואָס וואַרט אויף מיר אליין אין שניי — — — —

וואו איז דאָס קלייד —
— עס זאָל ניט וויינען בלוט אומזיסט פאַרגאָסנס אין געוועב דיין ציר.
וואו איז די ליכטיקייט
וואָס איך דאַרף אָנטון דיר,
צו אויפוועקן ווי מאָרגנזון די וועלט — — —
דעם לויט מיט גוטסקייט אין מיין בלוט וואָס איך האָב טויזנט מאָל באַשטעלט —

ווי גוטן ווייַן פון ווייטסטן זונענלאַנד — באַם שטילסטן טרויִם
אין מיר?
איך האָב ניט איינמאָל אויך —
ווי באַ אַ טייַך אַ מענטש וואָס הויבט אָן דול צו ווערן,
גערעדט צו זיך אין אויסגעטרוימטער הויך:
אַז וואויל איז מיר — האָב איך געזאָגט — איך דאַרף ניט
מער זיך איינצוהערן —
צו אַלעמען און אַלץ וואָס טוט מיר וויי.
דער חזן פאַרן דאַווענען געוואַלדעוועט — נישטאָ פאַר אים דאָס איי
וואָס ער באַדאַרף.

דער שפּילער שעלט אַ קאַץ אַ ליכטיקע ווי שניי
וואָס קוקט אויף אים פון בעט אַפּיר מיט גרינע אויגן צוויי,
ווען ער פאַרריכט די סטרונע אויף זייַן האַרץ,
וואָס זי האָט אים באַנאַכט — ווען זי האָט זיך געשפּילט —
צעריסן און צעביסן!

פאַראַן אויך לייט וואָס זייַנען בלינד און אַלט — פאַר זיי
שפּילט אויס
די קאַטערינקע, וואָס מען דרייט פאַר יעדן הויז,
דאָס ליד וואָס זיי האָבן יונגערהייט געזונגען אויף אַ קול.
די שטאָט אָבער וואָס האָט אַ יוגנט אַלעמאָל
קען איבערשרייַען אַלץ!
— נאָך אַ קאַטערינקע-מאַן וואָס פאָדערט פאַר זייַן שפּיל
אַ שטיקל ברויט מיט זאַלץ,
און אַ געלעגער אין אַ נאַכט־אַזיל.

— אַ דו מייַן רעטעניש, געשריי פון טרויער אונטער מיר —
איך פלעג אַליין ניט וויסן וואָס דאָס מיינט.
נאָר ווי אַ קינד וואָס וויינט,
און שטרעקט די הענט —

האָב איך זיך צו דער שטאָט אַראָפּגעווענדט
פון בארג וואָס איך האָב אויסגעטרוימט פאַר זיך,
פּונקט דעמאָלט ווען מען האָט אַרויסדערלאַנגט מיר דורך
א הינטערטיר
א ביסל וואַרעמס פון א פרעמדער קיך —

איך האָב אין הונגער זיך די צונג געבריט
און כלעפּטשענדיק האָב איך געטראַכט, דאָס איז א ליד:
וואָס הילכט אַריבער, ווי א גרויסער ווינט, דאָס שרייען פון
דער שטאָט.

איצט הילכט באמת ווי א גרויסער ווינט אין מיר מיין ליידיקייט.
און מאָדנע ווי דאָס קען געשען:
אַנומעלטן — אָט דאָ ניט לאַנג
האָב איך מיט אויגן ווי געוויינלעך קראַנק,
אין אומעטצייט, צו מיינעם א שכן, זיך געווענדט אז ער זאָל זען
ווי טרויעריק די זון זעט אויס ווען זי פאַרגייט.
האָט ער געמיינט, אז איך ווייז אים אָן אויף דער זונס פאַרגיין —
צו גרויסן זיך אליין!

און האָט געפרעגט צו גלויבט זיך טאַקע מיר,
אַז ווען איך וועל פון שטאָט אוועק וועט ווערן פינצטער דאָרט.
ער האָט ווייזט אוים באַם ליכט פון אומעטשיין אויף מיר דערקענט
ווי שווער מיר איז שוין איבער צוואַנציק יאָר צו זיצן אויף אָן אָרט
אויף אָט דער ערד וואָס דרייט זיך אָן אָן ענד —
נאָר אים געענטפערט האָב איך גאָרנישט־ניט. כ'האָב בלויז
געטראַכט:
א בילד אזא וואָס זאָל אליין מיר ווייזן וואָס סע מיינט — עס
ווערט שוין נאַכט.

א טענצערקע — צום ביישפּיל — ווען זי איז שוין אַלט
און ס'ברעכן זיך די פיס פון אונטער איר, באַם טאַנצן, און
זי פאַלט. —
ווער דאַרף — האָב איך געטראַכט — עס זאָלן אַזאַ הילך
טאָן דעמאָלט נאָך
די גלעקלעך צוגעטשעפּעט צו איר אויפן בויך־גאַרטל און שיך!
וואָס טויג דאָס אָויער, גאָלד־געצירט אַז ס'האָט אַ לאָך —
צו לאָזן הערן איר די קולות פון דער יוגנט אַרום זיך
וואָס האָט אַזויפיל איבעריקן וויסטן שפּאָט —
פאַר דעם וואָס פאַלט ווי אַ פאַרמאַטערט פערד —
צו דר'ערד —
אינמיטן שטאָט — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

טו עפּעס מיט דער וועלט

איך וועל גיין, מיין זון וועט בלייבן,
— בוים פון פרילינג לאָז זיך זען פון אים,
מיט פרייד אין זיינע אויגן.
נאָר דו, אַ פויגל, וואָס דו ביסט
אין בלויער לייִדיקייט פאַרפלויגן —
לאָז אים ניט ער זאָל פאַרקוקן זיך
ווי איך —
אינמיטן וועג. איך וואַרט שוין יאָרן
עמיץ זאָל מיך איבערפאָרן
נאָר מיר איז ניט באַשערט!
מיך דאַרף נאָך האָבן איבער זיך די ערד.

אָ, סאַראַ מידקייט עס וויינט אין מיר,
דאָ שענקט זיך מיר אַ שטאָט מיט הויז און מויז.
און דאָרט אַ ווייננאָרטן, ווי אַ מדבר גרויס.
און רב און גלח ווי פאַרסמטע לויפן אום —
און ברענגען בתולות מיר פון אומעטום —
און איך מיט אויגן הארב ווי כריין,
און וואוהין איך ווענד מיין קאָפּ — אַ משוגעים־הויז,
וואו יעדער שטופט זיין נאָז צו מיר צעציינדן,
און ביז צום ביין צעשינדן —
דורכן שליסל־לאָך ארויס.

אָ זון מיינער, דו וועסט דאָך בלייבן,
טו עפּעס מיט אָט דער וועלט!
איך וועל דיר קויפן אַ נאָטיצביכל
און וועל פאַרשרייבן....
דו ביסט דאָך זעקס יאָר אַלט שוין...
טו עפּעס מיט אָט דער וועלט..

פינצטער

געוואָלט ארויסריידן א וואָרט אינמיטן שטוב,
איז פוסט דער שטול באַם פענצטער־ווינקל דאָרט.
ליגט זי אויפן וואָר אין ווייסן קלייד אין גרוב,
איז ער מיט שבעה־ליכט צונויפגעפּאָרט.

זעט ער אויל פון דר'ערד ארויסגעצויגן
לויכט ווי זאַלצוואַסער פון אויגן
אין דער פינצטער,
רעדט ער צו דער פינצטער...
און וויינט.

גייט א קינד אהיים פון חדר שפּעט באַנאַכט
גייט ער באַם לאַמטערן ווי א שאָטן מיט.
קלאַפּט מען אָן אין פענצטער, פרעגט ער: וואָס געבראַכט?
זעט ער טויטן טאַטן קומען פון יאריד
און לעבן אים אין ווייסן קלייד געבויגן
זי, וואָס לאָזט אים מער ניט זען די אויגן
אין דער פינצטער
רעדט ער צו דער פינצטער...
און וויינט.

רופט מען אים באַם נאָמען ערגעץ אין דער וועלט.
זאָגט ער זיך אַליין: דיין קאָפּ הויב אויף.

ציטערט קלאָגליד פון א שטיין אין טויטנפעלד
ווי אָרגלשפּיל צום שטערנליכט ארויף.
טראַכט ער: ווי א ווינט — אוועק — פאַרפלויגן.
פאַלן צו בא אים ווי בענקענדיק נאָך שלאָף, די אויגן
אין דער פינצטער.
רעדט ער צו דער פינצטער...
און וויינט.

אין זיין צער

נאָר ווען אפילו בלויז אים דאַכט זיך אין זיין צער
אַז ער האָט ביטער פיינט דעם ליריקער, דעם נאַר,
ווייל ער איז אין זיין געוויין צו אַן אלמנה גלייך,
וואָס שפּיגלט זיך אין שוואַרץ ביים ברעג בית־עולם־טייך.
און ווען אפילו שוין ער האָט אַזאַ ניט האַלט —
קען ער דאָך יענעם זען ווי אָונטשיין אויף גאָלד
און זיך אַליין ווי בלעך, צי ווי אַ קויטיק פּאַס,

מיט רעגנוואַסער פול באַם הערינג קראָם אין גאַס.
נאָר זאָל שוין אמת זיין, אַז אַלץ איז גרוי ווי בליי,
און ער צום צער זיינעם איז פּונקט אַזוי געטריי
ווי אַ פאַראורטיילטער וואָס גייט צום טויט אַליין,
צי ווי אין טייך ערגעץ אַ קינד באַם אונטערגיין.
און זאָל שוין אמת זיין, אַז ס'איז די וועלט אַ רויך
וואָס האָט קיין אָנהאַלט ניט פאַר הענט וואָס אין דער הויך,
צי מעג ער דעמאָלט שוין פאַר פּחד אָדער שטאָלץ
ניט ווען די הילף וואָס קומט פון אַ פאַרפוילט שטיק האָלץ?
צי מעג ער שווייגנדיק פאַרזינקען אין דער טיף
ווייל ס'איז נישטאָ פאַר אים אַזאַ מין זעגלשיף?

דערווייל זאָ־זאָ

דערווייל זאָ־זאָ, און פֿאַרגיב וואָס איך איל,
מיר זענען פֿאַרטרערט שוין די אויגן פֿון קעלט,
און איך האָב מיט צוויי יונגע לייט זיך באַשטעלט
אין אַ קעלער פֿון דאַנען אַ דריי, פֿיר מייל.
נאָר ז י י זענען טאַקע שוואַרץ ווי די ערד
ווייל זיי עסן ווייניק און קלערן אַ סך.
זיי אַרבעטן אויך בײַ אונדזער פֿאַך.
און מיר לאָזן זיך אַלע וואַקסן בערד
בײַ זיי וואַקסן שוואַרצע, בײַ מיר אַ רויטע,
נאָר זייערע וואַקסן אַביסל גיכער
און בלאָזן זיך שוין ווען עס גייט אַ וויכער.
נאָר מיינע, די רויטע, הענגט אַ טויטע.
הענגט אַ טויטע, זאָג איך.

קעניג שלמה

עס טרעפט א מענטש קען ניט שלאָפן באַנאַכט — .
עס בויערט דער הונגער אין הארצן א לאָך — ווי מען זאָגט,
אָן אויער א קראַנקן, א בלאָטער אונטערן צונג, א באַקצאָן
שפּילט אויף
די ווייסטע מכשפה באַסכאַנדי —
האָט אזוי לאַנג ווי זי האָט געלעבט ניט געשלאָפן, סע דערציילט
זיך אזוי,
נאָר זי האָט דאָך קאָזענע־באָבקעס געקאָכטע
פאַרקויפט אין דער פינצטער — א סגולה קינדער צו האָבן.
און ווייבער בהמות וואָס צאָלן מיט גאָלד פאַר א שטינקעכץ
אזוינעם
זענען פאַראַנען גענוג.
אָבער נישט נאָר א קאַץ וואָס מיאַוקעט
נאָר די לבנה אפילו

קען רויבן דעם שלאָף בא א מענטשן.
און שיר ניט אזוי ווי געוועקט פון א שרפה
איז קעניג שלמה אראָפּ פון געלעגער,
און אזוי ווי ער וואָלט שוין אליין נישט געוואוסט וואָס ער טוט,
א כאַפּ געטאָן די קרוין אויפן קאָפּ,
און דאָס גאַנצע פלייש וואָס מ׳האָט אָנגעגרייט
פאַרן הויף־געזינט צום פרישטיק — אויפגעגעסן.
און דעם גאַנצן ווין ביז צום לעצטן טראָפּן אויסגעטרונקען.

נאָר די לבנה דורכן פענצטער
אַזוי ווי אַ מעקלערין אַ פּאַסקודנע
נאָכאַמאָל — קעניגל טייערס,
— און נישטאָ וואָס איבערצוטראַכטן קעניגל טייערס,
— און זי וועט דיר דערקוויקן די אַלטינקע
ביינדעלעך דיינע, קעניגל טייערס,
— הענטלעך, פוטער־ראָגאַלקעלעך,
בריסטלעך — פּיראָזשינקעלעך קליינע,
מיט קאַרשן און ווייַנשל געפילטע, קעניגל טייערס.
און אַפילו פון וועגן דעם שוים פון דער מויד
אַזוי ווי מען שעפּטשעט אַריין אין אַן אויער
אַ בשורה אַ גוטע:
— אַ קעניגל טייערס, אַ קעניגל טייערס,
דאָס איז דאָך אַ מולטער מיט האָניג, מיט בוימל
מיט איינגעמאַכטס שיר ניט.
האָט טאַקע דער קעניג דאָס פּנים פאַרקרימט
ווי אַ קינד וואָס וויל איבערמאַכן אַ פּאַנפּאַטש,
און איר נאָכגעזאָגט שיר ניט די גאַנצע פּאַסקודסטווע —
— אַ קעניגל טשייערס, אַ קעניגל טשייערס,
דאָס איז דאָך אַ מולטער מיט האָניג מיט בוימל
מיט איינגעמאַכטס שיר ניט,
נאָר דאָס מיינט דאָך זיך פּאַטשקען מיט אייגענעם איבל
אַזוי ווי אַ חזיר אין בלאָטע — ווער קען דאָס?
האָט דער קעניג איבערגעקערט דעם פּעליץ — ווי מען זאָגט —
און מיט גוטן געפּרואווט.

איר געזאָגט: אַז ס'איז טאַקע זייער שיין
וואָס זי האָט זיך באַמיט
נישט מער — מען וועט זען —
עס איז נאָך נאָכאַלעמען נישט אַזאַ יקרות־אַנטיקל

מען זאָל דאָס באַדאַרפן אַ כאַפּ טאָן...
איז אָבער כאָטש נעם די לבנה באַם צונג
און שטופּ איר אַ נאָדל אַריין אין דער מיט — זי זאָל שווייגן
און צו דעם נאָך האָט זי (צו מאַכן דאָס באַחנ׳טער ווייזט אויס)
פאַרקוועטשט מיט אַן אויג
און באַלעקט זיך אַזוי ווי אַ צויג נאָך אַ תענית אַ וויסטן
און מער האָט מען שוין נישט געדאַרפט.

מיט אויגן ווי באַ אַ צעמישטן
האָט זיך דער קעניג אַ הויב געטאָן פון זיין אָרט —
און אַזוי ווי אַן אונטערגעשאָסענער פויגל
האָט זיך אַ טלומע געטאָן צו דער ערד די קרוין פון זיין קאָפּ
באַ דעם פליאַסק וואָס ער האָט זיך דערלאַנגט
אין זיין אייגענעם שטערן אַריין,
נאָר אויך די חכמים און הויפליים — אָט־אָ־די הינטישע ליגנער
האָבן זיך זייער לידל.

אַריין, און דערזען די ליידיקע שיסל און קרוג
האָט מען אָנגעהויבן „אָן־גראָ" צו ברענגען פּיסקעס און הענט
— וואָס איז געשען אונדזער קעניגל נעבעך — איי־איי־איי ?
— און צי זאָל מען נישט לויפן און קוילן
דעם הויף־דאָקטאָר מיט אַ שטומפּיק מעסער איי־איי־איי ?

— און צי זאָל מען נישט ברענגען די זיידענע האַנטיכער אפשר —
די מיט גאָלד געשטריקט און אים לייגן קאָמפּרעסן
צו זיין איידעלען בויך — וואָס דער נאָפּל אין אים
זעט אויס ווי שטערן איי־איי־איי ?
נאָר זיי האָט דער קעניג דאָך אַלע אַזוי שוין געקענט
אַז ער האָט זיי דורכגעזען שיר
ביז צום — אין זייערע געדערים.

וואָס זאָל ער זאָגן?
האָט ער זיי טאַקע געשאָנקען אַ שמייכל אַזוינעם
אַז ס'איז זיי דער אָטעם אַזוי ווי אַ ביין
אין די גאָרגלען שטיין געבליבן.

— זעט — האָט דער שמייכל געזאָגט — סאַראַ ווייכקייט,
כאָטש שמיר עס אויף ברויט, אָדער מאַך דערפֿון לויז־זאַלב
צו היילן אַ מכּה!
און קוים וואָס סע האָלט זיך עס זאָל נישט אַ כאַפּ טאָן
אַ טענצל פֿאַר שמחה
וואָס באַם קעניג פֿון קאָפּ האָט די קרוין זיך אַרונטערגעגליטשט
און דאָ שטייט עס,
כאָטש שטופּ עס, אַ וויכעטש מיט אַ שטרוי
אין פּיסקל אַריין יעדן באַזונדער.
— די קרוין! אַז אויסגעראָטן זאָלט איר ווערן
ווי דער קריץ פֿון אַ טשוואָק אויף אַ בלעך
האָט אַ סקריפּע געטאָן דאָס קול פֿונם קעניג.
און אַפֿילו אַ סטאַדע פֿאַרהונגערטע מייז
אַרום לעקעך אַ שטיק אויף דער ערד
קען זיך נישט בייסן אַזוי.
נאָר געכאַפּט האָט זי דווקא אַזאַ
וואָס דער פֿאַרך האָט באַ אים פֿון די אויגן
אַרויסגעשיינט שיר ניט אַזוי ווי אַ חלבֿ'ן ליכט,
און פֿאַרלוירן האָט ער איינגאַנצן אַן אויער
און דעם שפּיץ פֿון דער נאָז באַ דעם דאָזיקן שטיקל מלחמה.
און ווי האַרציק־באַחנ'ט ס'האָט די לעפּצן צעשפּרייט
אָט דער דאָזיקער נפֿש!
מען האָט טאַקע שיר ניט
אַ לעקעך געזען פֿאַר די אויגן,

בלויז אפשר האָניג אַ טראָפּעלע האָט אים געפּעלט צו דעם בלוט אויף די וואָנצעס,

און שמאַנט מיט אַ ביסעלע צוקער.

— אָט איז דאָך דאָס קרוינדעלע קעניגל טייערס...

אַ באַנקעט־רעדע

איר וואַרפֿט מיר אויף, פֿאַרוואָס איך חבר זיך — אָ, מיינע ברידער,
מיט לייט,וואָס שפּרייטן גראָבקייט אַרום זיך אַזאַ מין במאַרנע,
אַז אַלצדינג ליגט זיך אויפֿן האַרץ, ווי רויך אין טעג אין פֿאַרנע
אין אַ פֿאַבריקן־שטאָט, וואו ערגיין אין דער נידער. —

איר שטוינט, און פֿרעגט באַ מיר, וואָס ציט עס מיך צו זיי,
צו זיי, די גאָט־ און קעניגס־מערדער, דאָ־אַהער אַנטלאָפֿענע, —
און אַז עס שטייען לייט אויף ראָג פֿון גאַס ווי פֿערד פֿאַרשלאָפֿענע,
ווי קען מען — פֿרעגט איר — שיינקייט זען, אין אָט־אַזוינע
מאָרדעס. —

אָ, ברידער מיינע, איר באַם ווײַן דאָ אַלע; איך וועל ניט פֿרעגן
פֿיל סע קאָסט דאָס שיינע העמד אויף אייך, און אויך די פֿרויען
אייערע אין סאַמעט און אין זייד אין שוואַרצן, און אין בלויען, —
איך מעסט ניט אָפּ די לענדן זייערע. מיך אַרט ניט פֿיל זיי וועגן.

נאָר איר אַליין, ווען איר וועט אויפֿשטיין צוועלף אַזייגער מאָרגן,
און אייער קינד וועט האָבן אויפֿגעגעסן דרייצן שאָקאָלאַד־בודאָס
מיט אַ יעזוסל, — וועט איר דאָך אים דערפֿאַר ניט רופֿן יודאָס,
אבערגלויביש פֿרייען וועט איר זיך, וואָס ר׳האָט זיך ניט דערוואָרגן.

צי אָבער קענט איר יענע לייט וואָס ציילן, און וואָס קאַרגן,
מיט הענט צו וואַרפֿן פֿרייד פֿון זיך, ווי טאַצן קלינגענדיקע?

צי ווייסט איר, אַז זיי זיצן אין די שענקען זינגענדיקע,
ווייל ס׳האָבן קינדער אין דער היים זיך ניט מיט וואָס צו וואַרגן?

אַ, דו פון יאַכמעסטריווקע שניידערל, און זיידע טויטער, —
נאָך ווײנט דיין האַרב אויף אונדז דער זכר פון דיין זאָרג
דער שווערער,
און ווי באַם שפּיגל שוין אַן אויסגעפּוצטער קוימענקערער
שטאָלצירט מען מיט אַ נייעם האַרב — מיט גוידערס פעט
און לויטער.

די נויט באַ אונדז וואַוינט הויך געגוג, מיט גאַט זיך אויסצוטענה׳ן.
און ראַבאַטס דאַרט וואָס צינדן זיך ווי טרוקן שטרוי און צאַנקען,
און מיר מיט זייער אַש אויף זיך, מיט דימענטן וואָס בלאַנקען
ווי שטיקער זון געגנב׳עטע, די נעכט אונדז צו באַשיינען.

באַ זיי דאָס מויל ווי אויף די פּיס די שיך — פון הונגער אָפן,
און מיר סער מאַרים און לאָרד זיינוויל ציילן זייערע פּרעסער,
און שענקען זיי געבורטס־קאָנטראָל, דאָס מיסט פון הערינג־פעסער,
און מ׳ליגט דאָך ווי אַ האַק אין טייך ווען ס׳איז דערלויבט צו שלאָפן.

און ווען זיי ברעכן זיך אין יאָך, און ווען זיי קומען שטאַרבן
איז אונדז אַן עדות אויך אַ גומער דער שפּיאָן וואָס לויערט,
אַז מ׳האָט אַליין זיך אין די לונגען לעכער אויסגעבויערט,
ווייל מ׳וויל מיט סם פון זיך, די לופט אין הקדש־הויז פאַרדאַרבן.

אַ ברידער פרעמדע מיינע: — איר, איך ווייס, מיר אַלע האָבן
סטאַן אַ שטיקל אויך פאַר אונדזער טרער אין צער אויף
ראַבאַטס טויטע.
און זייער ווייב די בעטלערן -- אויב ז׳האָט נאָר באַקן רויטע,
איז ניט קיין שטער דעם מעדיקער, וואָס וואָרנט פאַר מיקראָבן.

די קינדער בלויז — אין שיכלעך גאָלדענע אויף פּיס ווי זשאַבעס,
ווילט זיך זיי אַפילו יום־טוב אויך, אין אייגן אומרייניגס טרעטן.
און די מעטרעס יוסטיין — מיר דאַרפן דאָך זי זאָל אַראָפּגלעטן
פון אונדז אַליין די אומריינקייט, פון אונדזער אייביק שבת.

נאָר זאָל באַם וויין־גלאָז דער בונטאַר אין זיידענער קאַפּאָטע
ניט שרעקן זיך אַ קריץ צו טאָן מיט זיינע גאָלדענע ציינער.
ער מעג אויך זיין זיך אַ נעפּאָלעאָן דאַביי אַ קליינער,
וואָס טרוימט פון וועלט באַ זיינע פיס, אין סאַנקט־העלענאַ־בלאָטע.

נאָר ווי צו דעם, וואָס מאָנט באַ אונדז מיט פויסט, און קאָפּ פאַררים
אים וועט מען באַלד אַ מאָס אויף סלופּעס פאַר אַ צלם נעמען,
און אָנטאָן אים אַ דערנער־קרוין ביז די פאַרצויגענע ברעמען,
און מיט סאָלדאַטן־שפּיז באַם האַרץ, דאָס גוס'ען אים פאַררזיסן.

און זאָל מיין צונג ניט קענען אין מיין שטומקייט זיך באַטייליקן,
אויב איך בין ווערט מיין אָטעם באַ דעם וואָרט פון כלומרשט טרויער,
עס שפּילט זיך דאָך אַזוי אין שלאָף באַנאַכט מיט ווינט און טויער
אַ קראַנקער אפשר בלויז — ווי איך אַצינד מיט טויט מיט הייליקן.

דער האַלדז וואָס ליגט אַן אויסגעשטרעקטער אונטער חלף שאַרפן,
ברילט אויס זיין פוילן פאַר דער צייט, ווי איבריק ברויט אין שייער.
און איך צו זיך אַליין ביז טויט, אַ וואַכהונט אַ געטרייער,
האָרך צו דעם געבריל, ווי שפּילער צו די סטרונעס פון די האַרפן.

דאָס לעבן נאַקעט רייסט פון זיך אַליין די הויט — דעם שימל —
און ווי אַ היישעריק אויף אים, ליגט רויב און ווינטמיל-ריצער.

און איך, אַ פּאָפּ, וואָס בויערט אויף זיין פּערד מיט פרומען זיצער
(ווי אַ ראַק אין פרעמדן רוקן־ביין) אַ טיר פאַר זיך צום הימל.

און ניט דאָס איז אַ חלום בלויז, וואָס נאַכט שענקט מיר דעם כעסן,
עס קען אַ ריז, מיט פויסטן צוויי און קאָפּ פּאַרויסגעבויגן
דעם פיינט אזוי ניט נאָכקריכן — ווי איך נאָך מיינע אויגן,
און וועלט איז ניט קיין בילדער־בוך די בלעטער אויסצורייסן.

איך וויים דער שפּאָט וואָס הער׳ט זיך איין, טראַכט — מאָגן־
וויזיאָנען,
רעקטום־פיבער, מאַלפּעשרעק פון אורוואַלד מיטגעבראַכטע.
נאָר וועקט דעם קמצן פון קאָשמאַר — מיט אויגן אויפגעמאַכטע
איז אים אַ פרייד אַפילו בא דער פלוי אין העמד אַ חוב צו מאָנען.

נאָר ווי פאַרנאַכט דער חלפן וואָס האָט מינץ פאַר מינץ געביטן
שטיי איך דאָ האַלב־בלינד פון עלטער שוין — ווער קען אַ
טרייסט מיר געבן —
פאַר מיין ראַנגלען זיך צו גוטס ? מי׳ט וואָס איז איצט די
לאַסט — דאָס לעבן
גרינגען שוין אין מיר אַז ס׳וואַרפט זיך ווי אַ פיש אין שטיק
צעשניטן ?

ניטאָ בא מיר קיין באָרד שוין מער צו רייסן קריסטלעך־גלויביק,
און אויך מיין זעל — אַ קינדערהינטן קען ניט זיין מער גלאַטיק !
צי אָבער ווייגט דען ניט אַרום מיין פּנים תפיסה־גראַטיק
די שוואַרצע נאַקעטקייט — די הויט וואָס האַלט אין שרעק מיך
אייביק ?

די ערד — אַ ראָד, און איך — אַ קייקל זיך געטאָן. אַ ים—אַריבער.
וואו זיינען מיינע פערציק יאָר ? ווען וועט די וואָגלער־גרויקייט

אָפּטאָן זיך פון מיר ? ווען וועט דער האַרטער פעלז — די בלויקייט
פון דער ווייטן אויפהערן זיך שלעפּן איבער זאַמד און גריבער ?

איך ווייס איך בין אַ גילגול בלויז פאַרשלעפּט אַהער פון שטעטל,
אַ חזנדל וואָס טרילערט טויטערהייט דעם איכה־ניגון.
עס קען די נעגערדינסט מיט אירס אַ ליד נאָך ניט פאַרוויגן
אַ קינד פון אונדזער בלוט וואָס וויינט אַ קראַנקס אין פּעדער־בעטל.

נאָר זאָל שוין זיין אַז בלויז דער הענקער וויינט אויף זיין געלעגער
צו לעשן פייער אין זיין האַרץ וואָס לאָזט זיך ניט פאַרשאַרן,
און זאָל שוין זיין, אַז אַלץ אין מיר איז וואונד פון נאַכטקאָשמאַרן,
אורוואַלד־קלאַנג פון מאַלפּע אין מיין בלוט וואָס הערט דעם טויט
דעם יעגער !

וואָס וויל די נאַכט ? — ווער שיקט דורך איר אויף טויזנט שטומע
פליטן
אַזויפיל האַס און בענקעניש צום שלאָספּענצטער דעם העלן ?
ווער איז דער וואונדיקער וואָס זינגט אַליין זיך צו געפעלן
מיט בלוט וואָס רינט פון האַרץ באַ אים — אין מיר דעם סטעפּ
פאַרשנייטן ?

ווער דאַרף אַז איך זאָל זען פון שטרויס־פּעבער די ווייסקייט זיינע
און איבער זיך די קויטיקייט פון פלעדערוויש דעם פליגל ?
און אַז איך שריי — ווער דאַרף דער שאָטן אונטער מיר — מיין
שפּיגל
זאָל נאָכקרומען דאָס שטרעקן זיך פון הענט געלייטמע מיינע.

נאָר ניט מיט עמיצן ווי מיט אַ חתן זיך צו דינגען
ער זאָל מיט ווייניקער נדן די קו (זיין גליק) די כלה נעמען —

און ניט אויף ברידער־חתונות דעם קיילער צו פֿאַרשעמען —
האָב איך געלערנט זיך מיין צער ווי זאַדיק־פּלייש צו שלינגען.

נאָר אַז עס וואַרפט זיך שוין די צונג ווי בא דעם האַציידראַלע
אַ ציצה פֿון זיין קראָק אַרויס — אַסטזשעזנעט זאָל ער ווערן!
און אַז עס וואַקלט זיך דאָס וואָרט ווי אויף אַ גאַס־לאַמטערן
אַ נעגער־קינד — ווייל ס'האָט באַרירט דאָס קלייד פֿון אַ ווייסער
כלה —

מעגסטו דאָך פֿרעגן עמיצן: — ווער דאַרף די שווערקייט דיינע,
ווער דאַרף עס זאָל דיין קאָפּ וואָס בויגט זיך לויכטן אין דער
פינצטער?
פֿאַרוואָס זאָל אויף זיין וועג — געהיימע מיסיאָן — דער שטויב
דער מינדסטער
זיך ניט אָפּשטעלן צו שענקען דיר אַ האָרל לייכטקייט זיינע?

און אַז דער וואַלדמענטש בוקט זיך שוין צום זומפּ צו זען זיך בעסער,
ווער דאַרף אויך דו זאָלסט זוכן זיך האַלב־בלינד שוין און
פֿאַרעלטערט?
ווער ברעכט דיין שטאָלץ? ווער דאַרף מען זאָל — ווען מען האָט
דעם וויין געקעלטערט
אָוועקגעטראָגן צום שוויין די טרויב, וואָס ליגט אַרום די פעסער!

נאָר אַז איך שטיי שוין דאָ, אַ תם, אין זיך אַזוי פֿאַרזונקען —
ווער איז דער גאַט אין אָט די שמאַלץ־גופים מיר פֿאַר די אויגן? —
וואָס צינדט ער זיך? וואָס דאַרף דער וויין אָט־דאָ זיין רעגן־בויגן?
צי שרעקט ער דעם וואָס טרינקט, מיט וועלט וואָס ווערט דורך
אים דערטרונקען?

וואָס רופט מען וועלט? — די שפּיל פֿון קאַץ און מויז ביים שיין
פֿון שטערן?

דעם טרויערבוים וואָס שווייגט אַראָפּ צום בערגל ערד דעם טויטן?
דעם האָן וואָס וועקט, מען זאָל אַוועקשענקען זיין קאָפּ דעם רויטן
אינאיינעם מיט זיין קאָפּ, צום הונט אין הויף — ווען ער וועט
געקוילעט ווערן?

און אַז באַם מינדסטן שאָרך אין אונדז, איז אַלצדינג שפּינוועב
גרויער —
ווער דאַרף די שיף וואָס טרוימט זיך אונדז מיט זעגלען גאָלד
ווער דאַרף די טויב? ווער קען זי אויסלערנען אַריבערשוועבן
דעם רויבפויגל וואָס וואַרט אויף איר אין אָט דער הויך דער בלויער?

און וואוהין? — אַז ווייטקייט איז אַ שטייג אינגאַנצן אָפן —
און אַז די פליג וואָס זוכט איר שפּייז אין מיסט, אויף מיינע ליפּן
האָרכט ניט מיין באַגער, ווי זאָל אַ ווייטער גאָט ניט איבערהיפּן
דעם נאַר, וואָס הונגערט צוליב אים, אַליין זיך צו באַשטראָפן? —

און ס׳איז דאָך ניט די הויך אַ שמאַנט־פויגל אויף לעקאַך זיסן —
מען זאָל ווי קינדער שטרעקן הענט ווייל מען קען ניט פליען אָן
פליגל.
און וואָס איז ליכט? אַז ס׳ווייגט דער זונשטראַל שוין ביים
קינדער־וויגל
ווי אויף דעם מת אין גרוב — דער וואָרים, יעהאָוועס וועלט־
געוויסן.

נאָר זאָל דער גאָטזוכער מיט שטעכיק דראָט אין די סאַנדאַלן
ליכטיק זיין ביים טאַנץ אין מדבר, ווי די זון ווען זי גייט אונטער.
דער שטערן בלויז וואָס לעשט זיך אויבן פאַלט צו אונדז אַרונטער.
און סוואַרטן אויף דעם דערוויש אויך, די ציין פון די שאַקאַלן.

ס'איז וואָר, לבנה־ליכט באַצירט דעם ים מיט פייער־בענדער
און נאַכטפליג לויכט ווי דו פּאָר אונדז וואָס רופט אין חושך, אונטן,
נאָר איך זע הענט וואָס לאָדן פייער פון די טיפסטע גרונטן
אויף פויגל אייזערנעם, וואָס פליט צו אונטערציינדן לענדער.

ס'איז וואָר דער בלינדגעבוירענער זעט פרייד אין טויזנט ווינקלען
ווי קאַראַוואַן פאַרלוירענער — אַזוים־ליכט אין בלויען,
און בעטלער אויף די טעמפּלטרעפּ קען טרוימען וואונדער־פרויען
וואָס זאָלן איבער אים אין טאַנץ ווי שטערן־רעגן פינקלען.

איך טרוים דעם טעמפּלשפּיץ צו דר'ערד, ווי אין אַ טייך אַ טיפן —
אַליין מיר אונטן, קינדערפרייד, אַ זייפנבלאָז צו וויזן,
און וואָס איך זע איז וואַנט אויף וואַנט — אַ ים פון שטאָל און
אייזן
מיט קוימענעס ווי דורך כּישוף פינצטערן—פאַרשטיינטע ריזן־שיפן.

ס'איז וואָר, מען קען ביים שיין פון נאַכטיק ליכט און וואָלקנס רויטע
דערזען ווי דורך אַ באַן־פענצטער אַ שטאָט אין רויך פאַרשווינדן,
און ווען ס'איז אַ טרייסט — זעט טעג אין טויזנט יאָר זיך צינדן
ווי יאָרצייטליכט, ווי יומטובליכט נאָך אַלע אונדז, שוין טויטע.

איך זע אַ קייטן־בריק פון ווייט — ווי נייע רערן־אָרגל,
און שמעלצאויוון — ווי פייער־רייטוואָגן וואָס קומט פון הימל,
נאָר דאָס איז חדר־צוזאָג, פאַרמעט־שטויב, מוזעאום־שימל,
לייב פון וואַקס וואָס קען אַ קוש טאָן אויך אַ באַק אין סאַמע גאָרגל.

נאָר זאָל מיין שאָטן אויפן וואַנט, דער קלאָון דער אויסגעריסטער,
ניט גרויסן זיך וואָס פון זיין שפּאָט ווערט כּאַמסקע פּנים פרייליך.
עס לאַכן דאָך די לאָזשן־געסט, דער הויפנאַר און דער מלך —
ערשט דעמאָלט דוקא ווען עס וויינט אין צירק דער כּאַם דער
וויסטער.

דער וואַלדמיענטש צירט זיין נאַקעט לייב מיט בראַנדוואונדן און
רינגען,
איך זע אַ האַלבע ערד מיט נאַקעטקייט פון אונטער דעכער
איינס אויף איינס מיליאָנענווייז — און אַרום זיי די פענצטער־
לעכער
קייטן־רינגען דורכן סאַמע האַרץ, ביים מינדסטן ריר צו קלינגען.

דער קמצן היט מיט ציטערדיקע הענט זיין געלט אין בייטל
ווי ס׳היט איר שוים מ׳שטיינסגעזאָגט אַ קלויסטערמויד אַן׳אַלטע,
און ווער ביים שפּיל־טיש איצטער האָרכט מיט אויגן מעסער קאַלטע
דאָס גליק זאָל ווייזן אים זיין קאָרט ווי מיט אַ בעלפער־טייטל.

איך זע אין גאָלד באַם שפּיל — די פּראַצע — בלוט פון הענט
און אויגן
געהיט פון בערזן־פּאַטריאָט און פּאַרלאַמענטן־שרייער,
וואָס פּראַוועט פּאַלאַץ־אונטערצינדער מיט ראַקעטן פייער,
און סטראַשעט אומרעכט לויט געזעץ מיט קינדער־פּיילנבויגן.

און ס׳דאַרף אין מיר ניט פינצטער זיין ווי ס׳איז די נאַכט אין דרויסן
צו זען דאָס אַלץ. און די דערשלאָגנקייט פון מוטערהאַרץ בלוט־
שטאָם געבראַכטע,
איז ניט קיין טיר פון שטיין אַזאַ, דורך כישוף אַ פאַרמאַכטע,
ס׳זאָל שווער זיין פאַר דעם אויג וואָס זעט, צום ליכט זיך
דורכצושטויסן.

נאָר איך, דאָס בילדערבוך מיט בלעטער — טעג ווי אַרעסטאַנטן
נומערירטע דאָ. פאַראַן דאָ ערד, און וועגט איז דאָ, און דעכער —
און אויגן אויך וואָס שפּרייטן זיך דורך טויזנט פענצטער־לעכער
צו זען פאַרטאָג אַ פונק פון ליכט צו אונדזער טרוים פאַרוואַנדטן.

נאָר אונדז איז בלויז דער קוימען־רויך פון שמעלץ־אויוון געגעבן
סאַלאַמע־שלייער — מאָדנע איבער אונדז אין אָנהויב מאָרגן:
די זון איז דאָ דעם שפּיץ פון באַרג און קלויסטער צו באַזאָרגן,
צו שענקען ליכט דעם שטויבל אויך וואָס קומט אַרויפצושוועבן.

זי שענקט אויך ליכט דעם שלאָס־פענצטער — דעם בלומענקוסט
דעם העלן,
דעם פּרינץ וואָס כאַפּט זיך אויף, אין ליד פון שטייג זיך
איינצוהערן,
און יענעם אויך וואָס מעלקט די קו פאַר אים מיט שוויים פון שטערן,
ער דאַרף דאָך זען אין מילך־שפּיגל זיין פּנים זאָל געפעלן!

פאַרמשפּטער צום טויט זעט זיגד אויף זיינע הענט די וויסטע.
איך זע — ווי שפּייז פאַר יאַטקע־ראַץ געלאָזענע פון שינדער —
הויט מיט קנאָכן הויפנווייז. און רויט ווי מאָזלען איבער קינדער
וואַנץ אויף זיי — זי אויך אַ זינגפויגל באַ גאָט אויף קעסט
אומזיסטע!

פאַר וועמען ליכט וואָס פרעסט די נאַכט אין די אַנאַנסן אויבן —
איך זע פעלקער־סוחרים, קאַרליקלעך וואָס שפּילן זיך אין ריזן,
מיט קוליעם אונטער זיך אַליין — מיט קינדער־קעפּ אויף שפּיזן,
און פאָן־געפלאַטער — הורנהעמד אינמיטן וועלט פאַרהויבן.

איך ווייס דער נאָענטער וואָס האָרכט, טרוימט רויטע חוזק־שמאַטעס
איבער מיר, און קרעציקע וואָס שטרעקן מיר די הענט אַנטקעגן —
און ס'פעלט מיר נאָר, לויט אים קומט אויס, אַ צלם אויף די וועגן
צו קענען בייז טאָן אויך דערנאָך מיט טשוואָק אין האַנט און פּיאַטע.

נאָר אויב ס'איז וואָר, אַז דער וואָס הענגט האָט בלויז זיין טויט
געוואונען

ביים צייטן־האָר וואָס שפּילט מיט אונדז אין אומצוגראָד מיט געטער,
און אָפּשטאָם פון מיין בלוט קריכט אויף די קני צום שטעל־פאַרטרעטער
צו אָנרירן זיין מאַנטל־זוים פון לויטער גאָלד געשפּונען.

ווער דאַרף מען זאָל פון ווידערשפּעניקן די זינד זיינע שלעפּן
ווי פון אַ קינדער־רעקטום וואָרים־קנויל מיט האָניק־צעפּלעך,
ווער דאַרף די וועלט־פּראָצעסיע מיט גלאָק און רויכער־טעפּלעך,
און מיט געזאַנג ווי צפון־ליכט אויף שנייאיק־ווייסע סטעפּן?

און אַז דער שלאָס אין מאָרגנשיין זעט אויס אויף פעלזן־הויכן
ווי אין אַ שיינער פּרויענהאַנט אַ גאָלד־געשטיקטער פעכער,
ווער טרייבט די נאַכט פון פענצטער פינצטערע ווי מייזן־לעכער?
ווער ברעכט דעם וואָלקן איבער אונדז פון טויזנט־קוימען־רויכן?

און אַז די זון וועקט אויף און דופּט פון טוי איז דאָ אין דרויסן
און אַז פון וואַנטשטייגל אפילו קען מען זינגען הערן,
ווער רופּט מען זאָל זיך אָנצינדן אַ לעמפּל אויפן שטערן
און לאָזן זיך אין טיפסטע אָפּגרונטן אַרונטערשטויסן?

און אַז מען בויגט זיך שוין צום שאָטן אויף דער ערד — דעם שפּיגל,
און מען פלעכט ווי גויעם קנאָבל־קרענץ דאָס ליד פון פינצטערנישן,
ווער דאַרף מען זאָל דאָס אויסבייטן אין טרויערמאַרק פאַר פלעדערווישן,
וואָס פּריינט און פיינט מ׳שטיינסגעזאָגט טוט אָן אויף אונדז פאַר פליגל.

און אַז דער פּורים־גראַגער קען דאָס אויך — ווער דאַרף אַז בליצן
זאָלן אויפוועקן די מילב פון שלאָף, — זי זאָל פּאַראַיבל האָבן!

איז דאָס דער ציל — צו גריזשען לייב און ברויט — און קברים גראָבן,
צו האַלדזן ווייב — צו האַקן שטיין און וואַלד און פידל שניצן!

און אַז מען עפֿענט שוין אַ מויל די ימען איינצוזויגן,
און מ'הייצט אַן אויוון אויס אַזאַ עס זאָל די וועלט ניט דאַרפֿן
לויז און קעניג אָפּשיילן פֿון זיך מיט מעסער שאַרפֿן,
בעת זי זוכט דאָס פּאַווע־פּעדערל וואָס איז פֿאַרפֿלויגן —

און וואָלט אַ פּייג געוויזן דיר דער ווייזער פֿון דעם זייגער —
גלגול אַרום דיר פֿון שמש דעם געבריכטן לאָדן־קלאַפּער,
זשאַווער בלויז און שלאַנג פֿון רויך וואָס וואַרגט ווי הענט פֿון קינדערכאַפּער,
און קלונג פֿון אונטן — טויטנגלאָק אַרום אַ קאַלטן פּגר.

און, צי ווי גומי, קאָפּ און האַלדז — דיין קול אין תהום, אין טיפֿן,
איז ניט קיין טויב, אַ בלעטל פֿון אַ בוים צוריקצובריענגען —
בלויז קויטיק העמד פֿון טויטע וואָס דו זעסט ווי זעגלען הענגען
ניט ים נאָר פּעלזן־כוואַליעס—ריזנקוימענס פֿון פֿאַרשטיינטע שיפֿן!

אַ וואונדער ווייז — און בויג זיך איין אַ האַלבער ערד אַריבער!
און טעמפּלשפּיצן בויג — וואָס וועלן זיי דיר אונטן ווייזן?
גולם טויזנטקעפּיקן וואָס שלאָפֿט מיט אָטעם, שטיין אויף אייזן,
און היפּערט ווי אַן אָרט אַן אומריינס אייגן לעבן איבער.

פּיראַט אויף שיף, אין העכסטער הויך, הערט טויט און שטורעם זינגען,
איך הער מיין איינזאַמקייט וואָס וויינט מיט שטאָט אַרומגעמויערט,
און האָפֿענונג, אין מיר — אַ קייט וואָס מ'האָט מיר דורכגעבויערט
דורך האַרץ — זי זאָל ביים מינדסטן ריר אין שלאָף אַפֿילו קלינגען.

דעם נביא וועק, און צווינגט אים גוף אויף זיך אַרויפצוקלעפּן
די געלע וואַנץ וואָס זעצט זיך אָן — ווי מאָזל־קרעץ אויף קינדער —
זאָל אָפּפּרעסן פון אים דאָס ברעקל הויט וואָס מי און שינדער
לאָזן איבער — אַז דער טויט זאָל האָבן וואָס אַוועקצושלעפּן.

און אַז דער נביא וועט אַרומגיין דעמאָלט שוין מיט הענט פאַרבראָכן
ווייל ער האָט קיין שטיקל שטריק ניט מער אַליין זיך אויפצוהענגען !
און אַז דער ווינט וועט אין אַ טלית ברענגען
די האָר די אויסגעקראָכענע פון אונטער אָקסן־יאָכן —

און וואָר איז עס ! אַ טיפּוס קען די האָרוואָרצלען פון אַ שאַרבן
אַזוי ניט אויסרייסן ווי איך פון זיך מיין גורל־יאָמער,
און בלויז דער יורש דאַרף די פרעמדע טרער — עס ווערט אים גראַמער
אין ענגעניש פון קלאָגווייבער באַ נאָענטע וואָס שטאַרבן.

און זאָל דאָס ווייב וואָס האָט געבוירן מיך, אויף אָדלער־פליגל
צי אויף אַן אַלטן בעזים דאָ אַהער אַריבערקומען :
פון אירע אָדערן אַרויס וועט ווי אַ וואַלד אין חושך ברומען —
דאָס אור־געוויין פון מאַלפּע אויפן צווייג ביים קינדער־וויגל.

דער אַזיאַט גיט פרייהייט מיט אַ מעסער — די געדערים זיינע !
זי שילט, ווי שונאים, אירע בריסט וואָס האָבן מיך געזויגן,
און מ׳דאַרף ניט צוציען די פיס צום קאָפּ — איר גוף פיילנבויגן
זאָל ברעכן זיך ווען זי וועט צוזען אַלץ—די פרעמדקייט מיינע !

און זאָל שוין זיין אַז אָפּגעלאָזנקייט מיט קאָפּ אַרונטער
איז מאָדע בלויז — פאַסאָן־דע־לעמעשקע לויט מאַרקס און ענגעלס,
און אַז אין וואָר איז פאַר דעם פוקס וואָס בענקט צום טרויבן־שטענגל

זויער בלויז די פוילקייט אייגענע וואָס שטופּט אים ווייזהייט
אונטער.

ווער אָבער דאַרף דער זעטיקער זאָל ווײנען פון פאַרגעניגן
באַם ליד פון דעם פאַרהונגערטן -— פון בויך אַרויס, — באַם פייער!
און דער מאַגנאַט אויב אים איז בלויז מאַדאָנאַ־ריינקייט טייער —
ווער דאַרף עס זאָל דאָס אָפּגענוצטע ווייב אין רינשטאָק ליגן.

און אַז עס דאַרף פאַר זיך אַליין דאָס ביסל לייכטקייט זיינע
אויך דער שטאָפּעט פון מיסט -— דאָס שטויבל אויף געהיימע
מיסיאָנען,
ווער דאַרף איך זאָל אַליין ניט אויפהערן מיין רו צו מאָנען
באַ אָט די הענט מיינע — געליימטע מיינע — שונאים מיינע?

נאָר מיד בין איך פון גאַנצן ריטואַל — פון טויזנט קוואַלן
רינט ווי סם—אומזיסט פאַרגאָסן בלוט פון טעמפּל־ווענט און דעכער,
און אונדזער קונסט — די געטער, דאָרט וואָס שימלען ווי
פאַרברעכער
אין די תפיסות פון דער וועלט! און פרילינג קומט—עס זאָלן פאַלן—

בלעטער פונם בוים, משלים וועגן טויט פאַר קינדער.
און פאַר אונדז, די טרויערטשעמפּיאָנען וואָס קענען
ניט פאַרטראָגן לונג און האַרץ זאָל באַ א חבר ברענען
שטאַרקער ווי באַ אונדז — און נאָט אייך אייער כבוד — מיין
צילינדער!

ווער ווײנט אַז ס'איז שוין טויט דער בכור וואָס מ'האָט
אַריינגעמויערט
אין דער חדר־וואַנט? וואָס וויל דער דאַך פון קלויז אַז איך
האָב וואונדן

אייגענע, און אז די האַנט וואָס דאַרף פאַרלאַטעז איז פאַרשוואונדן
אין קאַמף מיט גאַרנישט, וואָס האָט אַן אייביקייט געדויערט?

ס'איז וואָר דער זינגענדיקער דראָט, שטאַפּעט פון וועלט דער קראַנקער,
ברענגט גרוסן שוין פון ערד אַזאַ, וואס ס'וועט פון שונאים ברידער,
און וואו דער צלם וואָס באַם וועג, ווערט בוים און זונשיין ווידער
וואָס בליט, ווי אַרום אים די פעלדער — פראַכט־שיפן און אַנקער.

איך זע אַ בוים, און איך אַליין בין ווינט און זיינע צווייגן
וואָס צימבלט ווי אויף מיסטגאָפּלען פון טויזנט פרעמדע שטאַלן:
און אונטער מיר, מיין גאַס — מיין היים — אָ וואָלט די זון געפאַלן
ווי אַ לאָמפּ אויף איר — פיל גרינגער וואָלט מיר זיין די שרעק —
מיין שווייגן — — —

זונפאַרגאַנג אויף ביימער

הימל. זונפאַרגאַנג אויף ביימער,
און ווינט און פּחד מיט טרויער באַצירט.
און דאָס אינגל אין מיר דעם מענטש דעם גרויען
האָרכט צו זען די האַנט וואָס פירט
די זון, זאָל זיך לייגן שטאַרבן.
און דער קינסטלער אין מיר קוקט אויף זיינע פאַרבן
וואָס זענען גאָלדיק און בלוי און רויט —
און זיין לעבן וויינט ווי דער אייביקער טויט
וואָס איז שיין און ליכטיק אין אָוונט שיין,
ווי אַ קינד ווען די מאַמע וויגט עס איין.

זאָל זיך בויגן מיין קאָפּ דער גרויער —
זאָל זיך בויגן מיין קאָפּ דער גרויער.

מיינע הענט זאָלן קיינמאָל זיך ניט שטרעקן
צו דעם וואָס מענטשן רופן גליק.
קינדער, פריינט און שיינע פרויען —
טרויער וואָס טאַנצט אויף אַ גאָלדענעם שטריק —
איבער אַ טייך וואָס קאַפּירט דעם הימל.
און בענקשאַפט — זוכט אין פאַרשטאַנד אונטער שימל.
און פויגל און האַרץ און העמד אויפן לייב —
אַ טויזנט יעריק צוזאַמענקלייב.

און געוויין וואָס מענטשן רופן געזאַנג
צו טרייסטן די אייגענע זעל וואָס איז קראַנק. —

זאָל זיך בויגן מיין קאָפּ דער גרויער —
זאָל זיך בויגן מיין קאָפּ דער גרויער.

דו הונט, מיין ברודער

אַט דער פֿאַרליעץ מיט פּיסקעס צוויי ווי פּענכערס אַנגעבלאָזענע
רופֿט מיך קישקע־פּרעסער.
איך רעד צו אים פֿון אונדזערביידנס אָרעמקייט
אין אַט דעם שטיבל וואָס איז ענלעך צו אַ שטאַל
און וואָס די סטעליע
הייסט דעם קאָפּ אַרונטערבויגן, צי מען וויל, צי ניט,
און ער, מיט אַזאַ גראָבקייט פֿאַלט ער אָן אויף מיר
אַז מיינע אויגן־הייבלעך לאָזן זיך אַראָפּ
אינאיינעם מיט מיין קאָפּ נאָך טיפֿער,
און סע דאַכט זיך מיר איך זע ווידער דעם כאַם, דעם שיכור'ן
וואָס האָט אַמאָל פֿאַרנאַכט יום־כּפּור פֿאַר דער שול
אין מיטן פֿון אַ רעדל פֿינצטערע ברידער זיינע
געלאָזט נפּיחות דורך אַ טרובע וואָס ער האָט ערגעץ
צוגעגנב'עט.

איך זאָג — דו הונט, מיין ברודער,
נישט איך האווקע נאָר איך וויין —
ווייל רויטער ווי דאָס בלוט אין אונדז איז אונדזער שאַנד
וואָס ברענט אין די סימנים פֿון דער בייטש
אויף אַלע אונדזערע גלידער!

און ער — כאַטש עפּן ווי אַ חזירישן פּיסק אויף אַ יאַריד —
דאָס האַרץ בײַ אים —

און שטופּ אַריין אַהין דאָס גאַנצע ביסל טרויער וואָס דו האָסט,
ווי שלייקעס אויפן מאַרק פאַר בידנע הויזן־שלעפער
רופט ער אויס דאָס ביסל סחורה זיינס:
גלייכהייט, פרייהייט, רעוואָלוציע, הורא!
און נאָכאַמאָל דאָס אייגענע,
און וואָס ער וויל איז דאָך —
אַז זי, די פראַצע, די פאַרשאָלטענע, די מאַמע פון דער וועלט
וואָס האָט דעם קעניג־פרינץ — פאַבריקאַנט־און־זעלנער
אויפן שוים,
און זויגט זיי אַלעמען פון איין פאַר דאַרע בריסט
זאָל זויגן מיט איר לעצטן טראָפּן בלוט אויך אים, דעם פוילענצער!

און סע ווערט דאָך ווי א מילשטיין אויפן קאָפּ דאָס אומגליק שווער
ווען מען זעט די פראַצע, די פאַרשאָלטענע,
וואָס וויגט זיך שוין פון אויסגעמאַטערטקייט ווי אין א הינערפלעט
און גלויבט אין זיין געוואַלד, אַן אייגענעם צו הערן —
וואָס נעמט זיך אָן פאַר איר.

דאָס ליד פון דער נעגער מויד

און דאָ איז דאָס ליד פון דער נעגער מויד —
און באַם שוואַרצן סאַלאָמאָן וויינט די גיטאַר:
— אָ יאַמאַ מיין — די מוראַשקע איז טויט,
און מיין האַרץ וואָס באַוויינט זי ברענט ווי זשאַר.
און דער ווייסער לאַכט און ער גייט פאַרביי
און אַ גרוס מיט אַ פוס, און אַ צוגאָב אַ שפּיי,
און דער גאָט פון ישראל מאַכט צו די אויגן
און ער הענגט אַרויס זיין רעגנבויגן.
אָ יאַמאַ מיין, אָ יאַמאַ מיין,
עס וועט שוין מער קיינמאָל קיין מבול ניט זיין.
און די טרער, מיין ווייסע טויב וואָס איך שיק —
צו זוכן דיך, בלעטעל גרינס, מיין גליק,
זי ברענגט מיר צוריק פון דער בלויער הויך —
זי ברענגט מיר צוריק פון דער בלויער הויך —
דעם טשאַד און דעם רויך,
דעם טשאַד און דעם רויך,
פון מיין לייב — מיטן האַלדז אויף אַ שטריק...

מיין בלינדער שכן

מיין בלינדער שכן האָט אַ האַלבע סטרונע פון אַ פידל
אויף אַ קינדער־פידל אויפגעשפּאַנט.
און אים אַ ליוב געזונגען האָבן נאָכדעם פאַר זיין שפּילן
אַלע טאַגבלעטער פון לאַנד.

און באַלד האָט אים אַ היגער מעקלער פון קאָנצערטן
אויף זיבן־טויזנט דאָלער פאַר אַן אויפטריט אָנגעשריבן
אַ קאָנטראַקט:
און וואו ער האָט געשפּילט — האָט מען קיין שפּילקע
נישט געקענט אַראָפּוואַרפן — אַזוי געפּאַקט.

נאָך גרעסער אָבער איז געווען דאָס וואונדער
ווען איך האָב ווי אַ שוואַרצן גראָבן צוים —
דערזען די מאַשינען וואָס האָבן פון דער פרי ביז אָוונט
אַרומגערינגלט אונדזער הויז — זיך דורכצושטופּן קוים.

מיין פרוי האָט מיר געזאָגט אַז סע קומען פרויען בלויז פאַרשלייערטע
זיי קומען בלומרש׳ט טרינקען טיי —
זי האָט אַליין געזען אין האַלבראָד דורך דער טיר דער אָפענער
גאַנצע דרייצן שטיק פון זיי.

מיט הענט און העלדזער אויסגעצויגענע ווי גענדז
האָבן זיי געקניט, און ער האָט זיך געקלאָגט :

אַז ס'איז אַ שאָד וואָס ער האָט נישט זיין מאַמען דאָ
זי וואָלט דעם אמת אים געזאָגט.

וואָלט ער נישט מיט די הענט געדראַפּט די פּנימער באַטאַפּן
און מורא האָבן ווי אַ קינד;
ער ווייסט ער האָט געזאָגט — אַלע מיאוסקייטן
יאָוועןן זיך צו אים — זיי נוצן אוים וואָס ער איז בלינד.

אפילו זיינע דינער טראַכטן ווי אַזוי אים אָפּצונאַרן,
ער גיט זיי געלט צו קויפן שמאַנט —
און זיי צעפירן זיך און מאַכן אויף דער קאַווע אים אַ שוים פון דעם
און האָבן ניט קיין בושה צו דערלאַנגען אים אַזוינס אין האַנט.

און אַז דער פּרעזידענט האָט אים אַ זייגערל געשאָנקען
מיט איינגראַווירטן נאָמען און אינגאַנצן גאָלד:
האָבן זיי דאָס אונטער זיינע הענט פאַרביטן
פאַר אַן אינגערסאָל.

און אויך דער מעקלער זיינער —
געשושקעט זיך מיט איינעם באַם קלאַוויר:
און פאַר די גאַנצע זיבן טויזנט בלוטיקע דאָלער
אים אַריינגערוקט אַ פּאַק מיט טאָילעט־פּאַפּיר.

מיין פרוי וויל האָבן אַז עס איז געווען אַ גרויס רחמנות
צו זען אים אָט־אַזוי ווי ער רעדט און טאַפּט:
די פרויען אָבער וואָס האָבן אויף די טעפּיכן געקניט,
האָבן — דאכט זיך איר — קיין וואָרט אַפילו ניט געכאַפּט.

זיי האָבן זיך געסודעט אַלע. און אָנהויב פריינטלעך
דערנאָך האָט מען זיך אָנגעהויבן קריגן אויפן קול.

ווער פריער איז געקומען און ווער שפעטער
און ווער ס׳איז דא צום ערשטן — אדער צענטן מאל.

און נישט נאר דאס — זיי האבן אנגעהויבן איינס באם צווייטן
אויסצוקויפן — ווי מיין פרוי פארזיכערט מיר — זיין בעט.
און דעמאלט האט זי אויך שוין נישט געהערט
פון וועגן וואס ער קלאגט און רעדט.

נאר אפנים אז די פרויען זענען אלע רייך געווען
עס איז דער פרייז ארויפגעשטיגן ביז צו א מיליאן.
און ווער ווייסט וואס סע וואלט געשען — ווען נישט א ליץ
אין דרויסן
דערהערט דעם ליארעם, האט ער ארויפגעשריגן, פאליציי קומט אן!

האט מען א כאפ געטאן דעם בלינדן, און דעם קינדער־פידל
אויף געשווינד אין האנט אריין דערלאנגט;
מיט אים פון אויבן־אן און זיך ארומגעזעצט
ארום א טיש, וואס האט מיט אלדאסגוטס געבלאנקט.

און אין די הענט מיט פעכערס אויסגענייט פון זייד און גאלד —
און מיט בריליאנטן און מיט דימענטן באצירט:
האט מען געגעסן חזיר־פלייש וואס האט פון שמאלץ גערונען
און ברויט מיט פוטער אויף אן אינטש די גרעב באשמירט.

מײַנע פֿאַרלוירענע טעג

אַ שטויב, דו מײַן שטויב, וואָס איך זע זיך אין דיר,
מיט אַזוי פֿיל בלענדענדיק־ליכטיקייט אַרום מיר,
פֿאַרוואָס ווײַן איך דאַבײַ, פֿאַרוואָס קומט בײַ מיר אויס,
אַז איך נאַר בײַ זיך איצטער אַ שפּילעכל אַרויס,
ווי אַ פֿרעמדער אינמיטן גאַס בײַ אַ קינד.

פֿאַרוואָס טוט מיר באַנג ווען מײַן אויער הערט ווינט
אויף אַ גאָלדן שטיק ערד, ערגעץ, ווײַט אין דער וועלט.
די שווערקייט אין מיר ווער האָט אָפּגעשטעלט.
ווער האָט באַפֿרײַט פֿון דעם אײַזערנעם יאָך —
מײַן שווערד וואָס שלעפּט זיך מיר אײביק נאָך.

פֿון וואַנען קומט צו מיר איצט דער פֿאַרלאַנג —
צו בויגן מײַן קאָפּ מיט אַזוי פֿיל דאַנק
פֿאַר מײַנע פֿאַרלוירענע טעג אין דער וועלט,
וואָס האָבן ווי קבֿרים אין טויטנפֿעלד
זיך געזאַמלט אין מיר זינט איך קען זיך דאָ!

אַ שײנקייט דו מײַנע, פֿאַרוואָס איז נישטאָ
אַזאַ וואָרט פֿאַר דיר ערגעץ אין מיר אין דער טיף! —
דער ים שפּרײט זיך אויס פֿאַר דער זעגלשיף,
און בײַם ברעג ערגעץ שפּרײט אַ האַנט זיך אויס
פֿאַר דער פּערל אָפּ־ערשט פֿונם ים אַרויס,

און אזוי ווי וואָלקן איז צאַרט דער שטיין
צו דעם קינד וואָס פאַלט ווען עס לערנט זיך גיין.
און אפילו די קאַץ — ווי אַ האַרץ אונטער איר
זינגט דער ביינוואָלקנויל ווען זי טוט אים אַ ריר.

נאָר איך — וואָס געוואַרט האָב איך פערציק יאָר —
די לבנה זאָל שיין מאַכן מיר מיינע האָר
מיט דעם ליכט פון איר קלוגשאַפט — מיין צייכן פון פרייד —
דאָס געוויין פון מיין אומבאַהאָלפנקייט.

דאָס ליד פון לענדלאָרד

— צי קענסטו מיר זאָגן, דו פרעמדע פרוי,
פאַרוואָס זעט אויס ווי גאָלד די שטרוי?

— וואָר איז ווי גאָלד זעט אויס די שטרוי,
נאָר די אָרימקייט בויגט מיין יונגן קאָפּ,
ווי דער שטורעם די שטרוי ביז דער ערד אַראָפּ
ווען הוסטן הער איך דעם לענדלאָרד.

— צי קענסטו מיר זאָגן, מיין ליבע פרוי,
וויפיל זיין זויל האָט פלעקלעך?

— מיין ליבער מאַן דו ווייסט דאָך וואויל
אז איך ווייס ניט וויפיל דעם לענדלאָרדס זויל
האָט פלעקלעך.
נאָר די טריט זיינע ווען ער גייט —
שרעקן ווי טויזנטער גלעקלעך!
און פון ווייטנס זעט ער אויס אַזוי ברייט —
ווי באַנאַכט אַ שמוגלערן — אונטערן קלייד
מיט אַ סך כלי־זין־פּעקלעך.

— אָ דו פרעמדע פרוי, דו שרעק זיך ניט,
און זאָג ווי אַזוי דערקענט מען אַ איד?

— מען קען דערקענען אויף א יאריד —
א גנב וואָס האָט געגנבעט א פערד.
נאָר דער וואָס האָט אַ הויז אויף דער ערד —
דער איז גאָרנישט — א חוץ א לענדלאָרד!

— זאָג מיר, דו פרוי, ווי פארצאַמט מען א פעלד
זיך אויסצוהיטן פון טכוירן?

— מען קען ניט קיינמאָל פארצאַמען א פעלד
און אייביק וועט דאַרפן ליידן די וועלט
פון טכוירן.

נאָר דער לענדלאָרד זעט אַלעמאָל אוים ווען ער שרייט —
ווי אַן עפּל וואָס איז געפרוירן:
און ער זאָגט אַז א קינד בא אָרימע לייט
ווען עס קומט אויף דער וועלט אָן א טאָרבע באַם זייט
פארשאָלטן איז זיין געבוירן.

— צי הערסטו ניט, פרוי, באַנאַכט אין ווינט
זיין קללה ווייגען איבער דיין קינד?

— ביסט נאַריש, דו פרעמדער, דיין צאָרן איז בלינד
און דו זעסט ניט דעם גרוב וואָס ווייגט און וואַרט
אויף יעדן פון אונדז וואָס ווערט פארשאַרט
און דו שרעקסט זיך ווי דער לענדלאָרד.

— ווער צינד איבער דיר, דו פרוי מיינע, דו,
דאָס ליכט וואָס לויכט ווי א שטערן?

— ווען איך זינג פאַר מיין קינד איי־ליו־ליו,
איז זיין שיינקייט מיר — ווען ער שלאָפט אין דו —
מיין שטערן.
נאָר דער לענדלאָרד באַנאַכט, דער אָרימער מאַן
חלומט פון רויטע בערן,
ער זעט אַ געשפּענסט אין אַ רויטן טורבאַן
מיט די בערן אין אַ פייער־געשפּאַן
און ער קען ניט אַנטשלאָפן ווערן.

דער לענדלאָרד גייט

זיבעציק רייטער אויף שטאָלצע פערד
קומען פאָראויס געריטן.
און הינטער זיי ווי אַן אַלטער פּרינץ
גייט דער לענדלאָרד אין מיטן.

ער גייט אויף גרינעם סאַמעט געשפּרייט
מיט זיבן יונגע פרויען:
וואָס זינגען און האַלטן איבער אים
אַ באַלדאַכין אַ בלויען.

און זיין מאַנטל פון לויטער גאָלד איז דין
ווי דאָס ליכט פון דער זון אויף רויזן,
זעט זיך ווי פון אַ נעפּל אַרויס
זיין ראָק מיט די לאָרדן־הויזן.

די הויזן זענען פון שוואַרצן זייד
מיט געלע פראַנץ־יאָזעף־פּאַסן,
און דער ראָק האָט אַ שפּאַלט — ער זאָל אין ווינט
זיך קענען באַוועגן געלאַסן.

אַ פּרינץ, מיין לענדלאָרד, גאָט מיט דיר
אויף דיינע ליכטיקע וועגן,

נעם צו אונדזער ברויט מיט זאַלץ פון אונדז —
וואָס מיר טראָגן דיר אַנטקעגן.

א פּרינץ, מיין לענדלאָרד, גאָט מיט דיר
דיין גנאָד אויף אונדז לאָז פאַלן,
און שענק מיר פאַר מיינע ווייבער אַן אָרט
בא די פערד אין דיינע שטאַלן.

פיליכט וועט אַ זעלנער פון דיינע לייט
זיך אויף דער וועלט דערבאַרעמען,
און מיינס אַן אומשולדיק ווייב אין שלאָף —
ווי דער הייליקער גייסט אומאַרעמען.

עס איז דאָך שוין די העכסטע צייט
אַז אַ יונגער גאָט זאָל קומען:
און פאַרטרייבן דעם אַלטן גאָלדענעם שוויין
וואָס הערט נישט אויף כרוקען און ברומען.

אפילו די הייליקע וואַנט — פאַר דעם שוויין
וואָלט שוין ניט געווען צו הייליק,
און ער גייט דאָך ניט מער מיטן קאָפּ פאָראויס
נאָר מיטן הינטער־חלק.

און עס האָט דאָך אַ הינטער־חלק דער שוויין,
אַזאַ מין מאָדנע גרויסן:
אַז ניט איינמאָל דאכט מיר, די זון גייט אויף
פאַר מיין פענצטער באַנאַכט אין דרויסן...

דער צדיק

דער צדיק פֿאַר זיין טויט האָט אָנגעזאָגט:
מען זאָל נישט עפֿענען דאָס דעקל.
נאָר זיין ווייב, וואָס האָט אים געזען, פֿונם ־ועסטל
מיט צען יאָר צוריק — אַריינלייגן עפּעס אין קעסטל,
און דאָס דעקל צושלאָגן מיט אַ טשוועקל
האָט נישט באַוויזן זיך איינצוהאַלטן;
און כאָטש זי האָט געפֿילט דעם שוויים דעם קאַלטן,
וואָס רינט איר פֿאַר פּחד אַראָפּ פֿונם שטערן,
האָט זי גלייך נאָך דער שבעה־וואָך מיט אַ לאַמטערן
אין מיטן דער נאַכט זיך אויפֿגעהויבן,
און אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן בוידעם אויבן,
און אַרויסגעשלעפּט מיט אַ צווענגל דאָס טשוועקל
און אויפֿגעעפֿנט דאָס דעקל.

יאָ — אַרויסגעשלעפּט מיט אַ צווענגל דאָס טשוועקל,
און אויפֿגעעפֿנט דאָס דעקל.
יאָ־יאָ־יאָ. אַרויסגעשלעפּט מיט אַ צווענגל דאָס טשוועקל
און אויפֿגעעפֿנט דאָס דעקל...

ס'עט זיין אזוי

קודם ווען מען דעם ריז דעם רויטן
וואָס אַלעמען וויל ער שלאָגן און טויטן —
אוועקזעצן עסן אַרבעסשויטן —
אוועקזעצן עסן אַרבעסשויטן.

דערנאָך וועט מען זיינע קראָקאָדילן
פּרעגן בפרהסיא צו זיי ווילן —
מיט אַלע קליינע קינדער זיך שפּילן —
מיט אַלע קליינע קינדער זיך שפּילן.

וועלן זיי וועלן — וועט מען אין גאָרטן,
אויסלייגן פּאַר זיי קאָרטן —
אַ לאַנד וואו ס'איז אייביק פּורים דאָרטן —
אַ לאַנד וואו ס'איז אייביק פּורים דאָרטן.

האָבן זיי דאָך ליב צו נאַשן,
וועלן זיי לויפן אומגעוואַשן —
אויפּצועסן די האָמענטאַשן —
אויפּצועסן די האָמענטאַשן.

וועלן קינדער דערווייל זיך אונטעראיילן,
און צעגליען באַם פייער אין זייערע היילן —

אלע בויגנס מיט די פיילן —
אלע בויגנס מיט די פיילן.

און מיט העמערלעך זיי צעהאקן אויף ברעקלעך,
און פון די ברעקלעך אויסשמידן טשוועקלעך —
און אוועקשיקן קיין כעלם אין פעקלעך —
און אוועקשיקן קיין כעלם אין פעקלעך.

וועלן כעלמער מיט א היטל אן אלטן —
כאפן די זון ווען זי גייט זיך באהאלטן —
און צום הימל זי צושלאגן — וועט זי זיך האלטן —
און צום הימל זי צושלאגן — וועט זי זיך האלטן.

איך און דו

איך און דו — ניט אומרו און ניט רו,
גרוי און בלאָנד וואָס שפּאַרט זיך צו
איינער צו דעם אַנדערן.

זיך אָנגעטראָפן אומגעריכט
ווי בעטלער צוויי מיט שטעקן און לאָמטערנליכט —
באַנאַכט באַם וואַנדערן.

ווי בעטלער צוויי וואָס האָבן זיך מיט טאָרבע און מיט וואַסערקריגל
דערזען ווי אין שפּיגל — — — — — — — — — — — — — — —
איינער אין דעם אַנדערן.

מען טוט אַ ציִ אַ ברעם,
דאָס אויג ווערט טריב.
ניט איך האָב דיך פּיינט —
ניט דו האָסט מיך ליב.

איך קען דיך ניט

איך קען דיך ניט מיידל — נאָר מאָדנע איז מיר,
אַט זע איך דעם מלאך פון טויט פאַר מיין טיר —
און ער קלינגט מיט זיין סערפּ און איך הער זיך איין —
מיט אַ פריילעכקייט ווי צו מוזיק באַם וויין.
ער רופט מיך און איך מיט דער ליולקע אין מויל,
וואָס הענגט ווי מיין לעבן שווער און פויל —
און איך מאָל מיר די וועלט און וואָס גרעסער זי ווערט
זע איך קלענער זיך דאָ אויף דער ערד,
נאָר די אויגן ווי פויגלען גרינג און גיך
און איך פריי זיך וואָס זיי זוכן דיך.
און איך זע דאַביי די בלויע הויך —
און דאָס גאָלד פון דער זון אויף וואָלקן און רויך,
און די שיף וואָס דערמאָנט מיט זיך באַם ברעג
אַז אַלצדינג איז שיין ווען ס'איז ווייט אַוועק.

דאָרף־לאַנדשאַפט

וואַסיל האָט געמאָלן אויבן בלוי,
און אונטן, אַ פעלד מיט געבונדן שטרוי,
און זיך האָט ער אַריינגעשטעלט
צווישן קינדער וואָס גייען איבערן פעלד
מיט אַ לערערן וואָס לויפט בײַ זיין זייט
און פּאַטשט מיט די הענט צו אים און שרייט;

פאַרוואָס אַזוי? וואָס טוט ער דען?
זי האָט אים פיינט און וויל אים ניט זען.
זיין קאָפּ איז קליין און זיין גוף איז לאַנג
זעט ער אויס ווי אַ ראָב אויף אַ טעלעגראַפשטאַנג,
און זי וויל אויך אַז ער זאָל פון בילד אַרויס
נאָך איידער מען קומט צום גלח'ס הויז.

פאַרוואָס אַזוי? וואָס טוט ער דען?
זי וויל אים אינגאַנצן מער ניט זען.
זי שווערט אים יעדער מאָל אויפן שוועל
אַז זי גייט זיך לייטערן די זעל!
און ער וואָס דאַרף שטיין מיט די קינדער אין הויף
לויפט איר נאָך מיט געוויין, און וואַרפט איר אויף:
אַז אַריין גייט זי אַלעמאָל בלייך ווי דער טויט
און זי קומט אַרויס ווי אַ בוריק רויט.

דער גאַנג פון מיין בלוט

.1

אַ ליבע מיינע, וואָס דו וואוינסט אין מיר,
ווי אַ קאַרגער אונטער פאַרשלאָסענער טיר,
שטיי דו מיר ביי, און לייג מיר צונויף
מיינע הענט וואָס איך הויב צו דער זון אַרויף —
ווי באַ אַ קינד פאַרן שלאָפן גיין,
און העלף מיר צו גלויבן זיך אַליין,
עס קען דאָך נישט זיין אַז נאַקעטקייט
זאָל האָבן אַזויפיל הייליקע פרייד,
אַז אַזאַ ווי איך, זאָל וועלן קניען
צו באַרירן (ווי אַ פויגל באַם פליען
דעם ווינט מיט די פליגל) די פּוסטקייט בלויז —
וואָס מאָלט זיך מיר איצט פאַר די אויגן אויס
פון יעדן געחלומטן שוואונג און ריר
וואָס איז איבערגעבליבן פון דעמאָלט אין מיר?...
עס קען דאָך נישט זיין אַז דער בלינדער באַגער
וואָס איז אייביק אין מיר ווי דאָס לעבן שווער —
זאָל זיך נייגן פאַר דעם ליכט אין מיין בלוט,
ווי אַ מאַן וואָס נעמט אַראָפּ זיין הוט,
אין מיטן גאַס פאַר אַ פרעמדער פרוי,
ווייל זיין ליבע צו שיינקייט הייסט אים אַזוי!

סאַראַ ליכט, סאַראַ ליכט! — איינער זעט אַ ליכט
וואָס טרעפט אים אין וועג ערגעץ אומגעריכט,
איינער זעט דעם הימל וואָס עפנט זיך אויף —
מיט אַ לייטער וואָס פירט צו אים אַרויף.
פאַר מיר אַ פאַרהאַנג — און קוים וואָס מען הערט,
און געמאָלענע בלויז זיינען גראָז און ערד,
אָבער דאָס ליכט — דאָס האַרץ שנייד מיר אויס
אויב איך בין דיר אין די אויגן גרויס.

.2

אָבער איצט ווען איך זע שוין יענע זייט —
מיט אויגן — פון דעמאָלט דריי יאָר ווייט,
און מיט אַ בענקשאַפט אַזאַ וואָס וויל
דערפאָרשן דאָס גרויסע טרויער־שפּיל,
פון לעבן אין אַלץ און אין זיך אַליין,
און אין אַלע וואָס ווילן צו קלאָרקייט דערגיין,
הויב איך אויף מיינע הענט צו דער זון וואָס הערט
דעם גאַנג פון מיין בלוט, אַזוי ווי די ערד.

און איך בענטש דאָס ליכט וואָס ברענט און גליט —
פון דעמאָלט אָן אין מיין געמיט.
אַזוי ווי דאָס ליד וואָס זינגט זיך אויס
מיט מיין אָטעם וואָס ווײנט פון מיר אַרויס.

— איך ווייס, איך וואָלט איצט ווען איך וואָלט געוואָלט
אַזוי ווי אַ מאָלער מיט פאַרבן און גאָלד
אַזאַ מין מלאך מאָלן געקענט
אַז מיט זיין ליכט וואָלט ער פאַרבלענדט —
אפילו אַזוינעם וואָס רעדט זיך איין

אַז די זון אין הימל איז געגאַרטע שיין,
נאָר אַז איך אַליין מיט מיין גרויען קאָפּ
זאָג זיך פֿון גאָט און מלאכים אָפּ
צוליב דעם אמת אַצינד וואָס ס׳טראַכט
דאָס ליד אין מיר, וואָס האָט מיר געבראַכט —
אַזויפֿיל טרייסט אַז אַלץ אין מיר
טוט תּפֿילה צו יעדן בויג און ריר —
פֿונעם מינדסטן ווערימל אויף דר׳ערד.
וועט דאָך אויסקומען אַז כ׳בין נישט ווערט
אַפֿילו דאָס קול פֿון דעם ליגן וואָס קלאָגט —
דערפֿאַר וואָס איך האָב אים אַרויסגעזאָגט.

אין „ספּיק־איזי" — דאָס בלומענמיידל

באַיעמשמיל מיטן סטייק־מעסער אין האַנט —
טאַנצט און שילט דעם פּרעזים פון לאַנד,
נאָר אַרום זיין פּנים פינצטערט זיין באָרד
ווי אַ פּלויט אַרום אַ הייליקן אָרט,
און דאָס בלייבע מיידל וואָס שטופּט די בלומען
זאָגט אַז איר ליבסטער דאָ אויף דער וועלט —
שלאָגט ווען זי ברענגט ניט אַהיים קיין געלט —
דאָס זאָגט זי און שטופּט מיר בלומען.

קען זיין אַז מען דאַרף טאַקע הויבן אַ פויסט
צו ווערן ווי אַ משיח געגרויסט,
נאָר די הורן — תלמידים מיינע באַם טיש,
האָבן פיינט ווי איך פינצטערניש,
און דאָס בלייבע מיידל וואָס שטופּט מיר בלומען
דאַרף ניט אַפילו די זון — ווייל אַ פּליך
שיינט אויף פאַר יענעם מער ווי פאַר זיך —
דאָס זאָגט זי און שטופּט מיר בלומען.

זאָג איך, מיידל, מען מוז ניט זיין דוקא קראַנק
ווי שולמית אין שיר־השירים־געזאַנג,
און מען מוז ניט געבוירן ווערן בלינד
צו ווערן אַ מאַמע וואָס זויגט אַ קינד,

נאָר דאָס בלייבע מיידל וואָס שטופּט מיר בלומען
הערט ניט און ווייזט מיר אָן אויף איר שוים,
פון דאָרט — זאָגט זי — קריכט דאָס לעבן ארויס —
דאָס זאָגט זי און שטופּט מיר בלומען.

זאָג איך, מיידל, דאָס לעבן האָט אַ היים —
אַ שטוב אָן פענצטער מיט ווענט פון ליים,
און מען דאַרף ניט — זאָג איך — צו דעם קיין נס
זיך צו ווייזן אין ווייסן קלייד פון אַ מת.
נאָר דאָס בלייבע מיידל וואָס שטופּט מיר בלומען
זאָגט אַז זי האָט ליב איר קלייד,
ווייל ס'איז רויט ווי די פּאָן פון מיין אָרימקייט —
דאָס זאָגט זי און שטופּט מיר בלומען.

רעד איך צו איר, ווי צו גאָט, אויף דו —
אפשר קענסטו מיר — זאָג איך — שענקען רו,
און צונעמען דעם האָניק פון סם,
וואָס וויינט אין מיר ווי אַ שטרוי אין ים!

נאָר דאָס בלייבע מיידל וואָס שטופּט מיר בלומען,
זאָגט — אַז בלומען פאַרדופטן דעם שוויים
ווען מען נעמט אַרום אַ פרוי וואָס איז היים —
דאָס זאָגט זי און שטופּט מיר בלומען.

די יונגע דאַמע

די יונגע דאַמע שווייגט, און איך דער אַלטער פּראַנט
פּאַרנויג זיך שמייכלענדיק מיט אָפּגעשטויסענער האַנט
וואָס ווײַנט באַם האַרץ מײַנעם, אויף בלויער סאַמעטוועסט,
און איך אַליין זע אויך אַז ס׳איז ניט שיין דער זשעסט,
און אפשר טאַקע נאַר — עס זאָל מיר ווערן קלאָר
ווי טיף איך שענד מײַן צער אויף מײַנע אַלטע יאָר,
דערצייל איך וועגן דעם ווי אַ געליימטער נאַר
דעם נוצלאָזן פּאָעט, דעם פֿרײַנט מיר אין מײַן צער,
נאָר אַז ער איז אַזאַ וואָס ווײַנט אַליין דאַבײַ
לאָז איך מײַן קאָפּ אַראָפּ וואָס הענגט אויף מיר ווי בלײַ,
און לערן זיך ווי ער צו שפּילן זיך אין טרוים
מיט אַלץ און גאָרנישט ניט, ווי זון מיט וואַלן־שוים.

נעמט ער מיך אָן באַם האַנט און פֿירט מיך דורך דער נאַכט —
דורך רויך און רויטן ווײַן אַהינצו וואו מען לאַכט ;
און בעטלט אוים פֿאַר מיר פֿון לײַט באַם קאָרטנשפּיל
אַביסל קופּער געלט, און פֿרעגט מיך וואָס איך וויל,
און אַז איך זאָג איך וויל די בענקשאַפֿט פֿון מײַן האַרץ,
זאָגט ער מיר צו מיך אויסלערנען אין ווײַס און שוואַרץ
צו מאָלן פֿאַר זיך מיט יעדן קער און ריר
פֿין אונטער אינגערע — וואָס זענען נאָענט צו איר,
און אַז ער זעט דאַבײַ מײַן אָרים בלוט צעגיין —
ווי אײַז אין זומער־היץ און אַנגסטשווייס און געוויין —

פֿאַרנויגט ער זיך און בעט איך זאָל ניט ברוגז זײַן:
— אַ מענטש איז ניט קיין קאָטער אין לבֿנה־שײַן
ער װײנט ניט אױפֿן דאַך װען אים פֿאַרשעמט די קאַץ
װאָס גיט אַ גראַבל אים פֿאַר יעדן צאַרטן קראַץ.
און דעמאָלט שװײַג איך שױן און װי דעם װײנט בײַנאַכט —
באַנעם איך שװײַגנדיק מײַן צער און מיר װאָס לאַכט,
װען דער פּאָעט, מײַן פֿרײַנט, זיצט װידער בײַ זײַן האַרף
און קניפּט אַלײן צונױף די סטרונעס װאָס מען דאַרף.

און דער וואָס קומט

און דער וואָס קומט — האָט ער געזאָגט — דער זעט. און אַלץ
איז קלאָר!
אַז מ'האָט קיין זייף צו וואַשן זיך, קיין קאַם פֿאַר באָרד און האָר,
וואַקסט אויס דער וואַלד־גזלן אינמיטן שטאָט — אַ מענטש
וואָס הונגערט!

און ניט נאָר ברויט אַזויפֿיל פֿעלט, אַז מ'ווייסט ניט וואָס
סע פֿעלט,
ווי שווער דאָס זאָל צו גלויבן זיין — נישטאָ דאָס קופּערגעלט —
צו קויפֿן מעדיצין פֿאַר קינדער, אַלע לונגענקראַנקע!

און ווער עס מאַכט די לאָדן צו, דער עסט דאָרט זיבער שמאַנט!
און אָט אַזוי שלעפּט מען פֿון שטוב אַרויס און מ'שטעלט צום וואַנט
אַ נאַר וואָס האָט דעם זאַק אויף זיך געשעמט זיך אויסצולויזן!

און זעסטו דאָס, באַדאַרפֿסטו שוין ניט מער קיין טרויערקלייד
פֿאַרטרויערט אויסצוזען. דורך אַלע דיינע ביינער גייט
דערזעלבער ווינט וואָס קלאָגט אַרום דעם ערדהויקער דעם פּרישן.

און שטראָפֿן דעם וואָס ערלעך־בלינד איז ער באַגאַנגען מאָרד?
אַז ער אַליין גייט שוין אַרום ווי אויף אַ הייליק־אָרט,
אינמיטן שטאָט — און דו ביסט דאָך אינגאַנצן אים אַ פֿרעמדער!

דו ווייסט דאָך אַז אין לאַנד דיינעם פאַרסמט פון ראַסנהאַס
איז דאָ געקרייצטע פיל מער ווי לאָמפּן אויפן גאַס —
פאַר דעם וואָס וויל די הענט זיך וואַשן אין פּילאַטוס־פרומקייט!

נאָר אויך דיין טרייסט — דו בעסער נעם און אַ געזונטן צאָן —
רייס אויס באַ אים — פילווייניקער וואָלט דאָס אים ווי געטאָן —
ווי דיינע רייד, — די אייביק שוואַרצע הור־און־גלח־זיסקייט.

מיט שנאַפּס אין שאַנדהויז און מיט ווייַרויך אויף די קלויסטערטרעפּ
האָט מען פאַרטשאַדעט אים אַזוי, אַז ער האָט שוין די קלעפּ —
פון צאַרס נאַגייקעס אויפגעהערט צו פילן אויף די ביינער.

און אַז ער האָט אָנגעזאָגט מיט פרייד דער וועלט — דער צאַר
איז טויט,
האָט באַלד דער הערשערהונט פון אומעטום באַשמירט מיט רויט —
די ליפּן זיך, און צום אַרומנעמען זיך אָנגעגרייט אַ חלף!

— כ'האָב ערד. לאָזט גראָבן ברויט — האָט ער געיאָמערט אויפן קול
און מיר אין ראַס — ווי זיבן הונדערט הינער מיט אַ מאָל
וואָס ליאַרעמען — ווייל ז'האָבן בערג מיט אייער אין די הינטנס!

נאָך מער — מען האָט שוין שיר געקרייט ווי העגער אין דער פרי
נאָר צוגעגרייט האָט מען אַ פויגל אָט־אַזאַ צום פלי —
וואָס זאָל די זון מיט אויפרייסרויך פאַרדעקן און פאַרשטינקען!

און אַז דו שטייסט אַזוי אַנטקעגן אים — און ס'איז נאָך דאָ
אַזוי פיל גראָבע חוצפּה פריי צו אָטעמען דאַביי
צו שטוינסטו ניט אַליין פאַרוואָס, ווי אַזוי דאָס קען טרעפן,

דער בעטלער אין גאָרטן

זיין אינסטרומענט האָט אויסגעזען
ווי אַ פּורפּורנער פויגל אין אָוונטשטיין,
נאָר די מלאכים אָבער אין רעגנבויגן
וואָס זענען באַם שפּיל זיינעם אָנגעפלויגן —
זענען מיר גאָרנישט צום האַרצן געווען.

ווי פון פרויען וואָס דאַרפן קיין מאַנען מער ניט,
און וואָס האָבן שוין צייט צו ווערן אויף דער עלטער פרום
העט איך פון מלאכים שטענדיק
אַזאַ געלויף אַז עס פוילט באַ מיר דער אַפּענדיק
וואָס מען שניידט אויס אַ מענטשן.

אַנומעלט האָב איך פון זיי געחלומט
און אויפגעוועקט מיין קינד און ווייב,
זיי האָבן אויף מיר די וועש צעריסן —
און האָבן געלאַכט און מיך געשמיסן
כסדר אויפן הוילן לייב.

און דערנאָך אפילו ווען כ'האָב שוין געשוואוירן,
אַז איך האָב ניט קיין אַנדערע ווינטערוועש
האָבן זיי ערשט דעמאָלט געהייסן לויפן
דעם אינגסטן פון זיי — ער זאָל ערגעץ קויפן

אַ פּראַלניק פון קופּער אָדער פון מעש,
נישט גענוג וואָס מען ווייסט אַז דאָס לייב איז פאַרשאָלטן
צו פוילן היינט־מאָרגן אין דר'ערד,
נישט גענוג וואָס מען קען זיך באַטאָג קוים דערהיטן
פון אומגליק וואָס לויערט, איז נאָך דאָ אינמיטן
אַ חלום וואָס איז שאַרף ווי אַ שווערד.

מיר די רעוואָלוציאָנערן
אָדער
ס׳אַמעריקע

ער האָט זיך אַזוי לאַנג גענאַרט
אַז ער איז אַוואַנגאַרד,
ביז ער האָט זיך אַליין דעם קאַפּעליוש פֿון שטרוי
אָנגעצונדן אויפֿן קאָפּ,
און אָט־אַזוי —
מיט אויסגעשפּרייטע הענט
און מיט „געוואַלד, סע ברענט!“
איז ער די טרעפּ אַראָפּ.
איז איטלעכער אין גאַס וואָס האָט אים אָנגעטראָפֿן
מיטגעלאָפֿן —
אויך מיט אויסגעשפּרייטע הענט,
און מיט „געוואַלד, סע ברענט“
האָט לעבן מיר מײַן פֿרײַנט מיט מויל און אויגן
ווײַט־צעעפֿנטע צו מיר זיך צוגעבויגן
צו הערן וואָס איך זאָג.

האָב איך אַ וואָרף געטאָן דאָס שטיקל קיכל
און אָפּגעווישט אויף גיך זיך מיט אַ טיכל —
פּנים, שטערן, נאָז —
באַס קאַווע־גלאָז.

און איך אַרוים מיט אויסגעשפּרייטע הענט.
האָט מיך מיין פריינט (שפּעטער מיט אַ טאָג)
באַגעגנט
און געפרעגט פאַרוואָס איך האָב זיך ניט געזעגנט.
און פאַרוואָס איך האָב פאַרגעסן —
אין רעסטאָראַן באַצאָלן פאַר מיין עסן.
האָב איך געענטפערט: „רעוואָלוציאָנערן".
האָט ער אויף דעם אַ לאַך געטאָן
און האָט געזאָגט „גרויסאַרטיק".
האָב איך דאָך שוין געזען אַז ער איז אַ פּאָדליעץ;
האָב איך פאַרשטייט זיך אים דערפאַר דערלאַנגט אַ זעץ
אַזוינעם ווי מען דאַרף —
און אים געלאָזן וויסן קורץ און שאַרף —
אַז מיר זענען שוין מיט אונדזער פריינטשאַפט פאַרטיק.

שאַלאַמויזן

איך טראָג אַפּאָר אַלטע פּאַנטאָפּל,
איך טראָג מאַטראָזן־הויזן,
און דער גאַסט מיט די ברילן לאָזט מיך ניט אָפּ
איך זאָל אים דערציילן פון די שאַלאַמויזן
פון די באַרימטע העלדן שאַלאַמויזן.

די שאַלאַמויזן דינען גאָט ווי מען דאַרף,
און זיי טראָגן רויטע היטלעך.
און זומער פאָרן זיי תמיד מיט אָקס
און פאַר ווינטער האָבן זיי גרינגע שליטלעך,
פאָרן זיי אין דידאָזיקע שליטלעך.

פון ווייבער האַלטן זיי קיינער ניט.
און זיי עסן אַלע טאָג ראָסל.
און ווי אידן די שמד האָבן זיי פיינט
אַזוינעם וואָס מען רופט אים יאָסל, חלילה יאָסל,
זיי האָבן איינעם שוין דערהרגעט אַ יאָסל!

זיי לעבן פון דעם וואָס זיי מאַכן שניי
פון אייער וואָס ווערן צעבראָכן פון צוקער.
און פרעגט זיי אַ פרעמדער דעם וועג צו דער באָד,
זאָגט מען נישט דאָ־אַרום, נאָר דורים,
נישט דאָ־אַרום, נאָר דורים.

פאַרנאַכט אָבער זעצן זיי זיך אַריין
אין צעריבענע שיסלען קנאָבל,
און זיי ברענען און גיבן אפילו ניט
קיין זיפץ פון אַזויפיל טראָבל,
פון אַזויפיל אומזיסטן טראָבל.

און נאַקעט אַזוי ביז האַלבער נאַכט
זיצן זיי מיט רעספּעקט צו מעלדן,
פּראָסטע שאַלאַמויזן דאַכט זיך, און דאָך —
סאַראַ וואונדערלעכע העלדן.
סאַראַ גרויסע העלדן.

מיין שרייעדיקייט

מיין שרייעדיקייט איז איינגעשלאָפן איבער מיינע הענט
ווי אַ קראַנקער אין מיטן גאַס אין אַ ווינטערנאַכט אויף אַ שטיין,
דאָס ליכט פון דער לבנה אויף אַזוינעם איז געל ווי אויף אַ טויטן,
און בלויז דער ווינט וואָס פליט אין דער פינצטער פון שילד
צו שילד —
איבער די אַלטע קליידער געשעפטן — זעט אים —
און די וועלט איז דאָך אַזוי אומענדלעך־רייך אין פענצטער,
וואָס לויכטן אַרויס אין דער נאַכט — אַנטקעגן רעלסן
בײַ די ברעגן פון ים
פון ברעג אַרונטער,
פון פּאַלאַצן מיט גאָרטן און צוים אַרום זיך —
און דאָרט איז וואַרים לייב אונטער זייד —
און געלער און ברוינער קוכן צווישן פינגער און ציין ווי פּערל קליינע,
בעת די אויערן הערן ליבע־רייד פון מאַן אָדער פרוי,
און פּאַראַן וויין־פלעשער מיט אַזוינע לאַנגע שמאָלע העלדזער שיינע
און מיט זילבער פון אויבן און מיט גאָלד
און בלומען פאַר אַזויפיל איבעריק געלט
אויף הערצער — וואָס זענען אפשר זייער גוט — ווייל זיי האָבן ליב.
נאָר ווי פרעמד און ווי אָפּגעשיידט זיי זענען פון דעם אין מיטן גאַס
לויט זייער פרייליכקייט איז ער אינגאַנצן נישטאָ,
אויסגעטראַכט בלויז. אויסגעטרוימט פון אַ שרעקנדיקן אין דער
פינצטער

אין אַ נייער דירה ערגעץ
איינער אַליין
די ערשטע נאַכט,
שלאָפט ער ניט — הערט ער דעם ווינט — מיינט ער, ווער
ווייסט וואָס
עס טוט זיך דאָרט ערגעץ אין דרויסן.

דאָס ליד וועגן באַצקעלעס טויט

און דאָ, איז דאָס ליד, וועגן באַצקעלס טויט,
ווער איז באַצקעלע? — אַ יונג וואָס פֿאַר ברויט
אָדער פֿאַר קעז, אַ פֿאַרשימלט שטיק,
פֿלעגט ער נאָכמאַכן ווי סע זשוזשעט אַ פֿליג
אַרום קצבֿס הונט, — אָדער ווי סע קרייט
דעם שוסטערס האָן, ווען די נאַכט פֿאַרגייט.
און אַז מע האָט דערזען אין מאַרק דעם זשאַנדאַר
און געגעבן אַ לעקעכל באַצקלען דערפֿאַר,
האָט ער צו יענעמס קאַפּעליוש
מיט די פֿעדערן געמאַכט אַ הוש!
ווי צו אַ פֿרעמדער הון אין הויף,
וואָס קלויבט און עסט די ברעקלעך אויף
וואָס מען האָט פֿאַר די אייגענע אָנגעגרייט.
אויך האָט ער זיך אין אַ ראָד געדרייט
אַרום זיך אַליין, אַז מע האָט געוואָלט,
און מע האָט אים דערפֿאַר מיט אַ גראַצער באַצאָלט.

אויך דעם בירגעמייסטער, יאַן דאָבראָוועטש,
האָט ער נאָכגעמאַכט דאָס געשריי מיט דעם קוועטש —
זאָל לעבן דער קייסער פֿראַנץ יאָזעף, הוראַ!
אָבער גיכער פֿון אַלץ, איז ער שטום און שאַ,
ווי אַ שאָטן אַרומגעקראָכן אין מאַרס

און אַזוי טאָקע ביז צו דעם אומגליק פון באַרג —
און סע וואָלט אפשר אַ סוד געווען
ביז היינט — וואָס דאָרטן איז געשען.
מען האָט אים דאָך געבראַכט האַלב־טויט,
מיט אַ פּנים אָנגעשוואָלן און רויט
ווי אַ בוריק וואָס איז אָפּגעשיילט.
נאָר אויף וויפיל ער האָט אַליין דערציילט,
מיט רייד, און מיט אויגן, און מיט הענט —
ווי לאַנג ער האָט אָטעמען געקענט
האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער
איז אַראָפּגעפאַלן צוליב דעם באַגער
צו כאַפּן די זון. עס גלויבט זיך קוים,
ווייל דאָס פאַלט דאָך ניט איין אפילו אין טרוים!

נאָר געשען איז דאָס פאָרט, און אָט ווי אַזוי! —
פון דער העלער הויט האָט זיך עפּעס אַ גוי
אַ שייגעץ אַזאַ, מיט לאַנגע האָר,
(וואָס האָט אויסגעזען צום שוואַרצן יאָר
כמעט ווי אַ איד) זיך געיאָוועט אין שטאָט
פון וואַנען — איז פאַרשטייט זיך אַ סוד,
צונויפגעזאַמלט אַרום זיך —
די האָלאָדריגעס וואָס גייען אָן שיך,
ס'איז געשען אַזוי: ווי נאָר עס האָט
דער מיט די ברילן (הינטער שטאָט
און וואַלד באַנאַכט) אַ געשריי געטון,
אַז דעם אַרבעטער געהער די זון!
האָט כאַצקל, דער יונג, ניט לאַנג געטראַכט
און תיכף באַ זיך אָפּגעמאַכט
אַז זאָל גאָט אַזוי אים שענקען געזונט,

ווי ער רייסט זי מיט לאַפּעס און ציין ווי אַ הונט,
(אויב סע גייט ניט אַנדערש) פון הימל אַראָפּ
און אַזוי טאַקע — פּאָראויס מיטן קאָפּ
איז ער באַלד אַהיים, און אַריין אין שטאַל
צו איצקע דעם שמוגלער, דעם נאַכאַל,
בײַ וועמען ער האָט גערייניקט דאָס מיסט
פאַר ברויט אַ שטיק, און אַמאָל אומזיסט,
און גלייך ווי נאָר ער האָט דערהערט,
דעם האָן אין דרויסן, איז ער אויף אַ פערד
געפלויגן צום בראָדער באַרג אַרויף,
אַהין טאַקע וואו די זון גייט אויף,
אַזוי ווי ער האָט דאָס אַליין געזען
ווען ער איז איינמאָל אויבן געווען,
מיט דער גאַנצער שמוגלער חברה וואָס איז
מיט קאָנטערבאַנד און געשוואָלענע פיס
אַהיימגעקראָכן דאָרטן אַרום
אויסצומיידן דעם בום־בום־בום,
פון פּאָניעס זעלנער, ווי מ'האָט אים געזאָגט
ווען ער האָט זיך אויף מידקייט באַקלאָגט.

ער האָט זי אַפילו שוין דעמאָלט אויך
געוואָלט אַראָפּנעמען פון דער הויך,
געדאַרפט זיך אַ שטרעק טון בלויז און אַ נעם,
אין אַ הינטער פּאָלע און פאַרטיק מיט דעם.
נאָר אַז ער איז אַ קינד, און מען בלייבט ניט שטיין,
און מען וואָרנט — מען וועט אים לאָזן אַליין,
האָט ער אָפּגעלאָזט, און איז אַוועק —
אָבער איצט, אַז ער דאַרף זיך נאָר טון אַ שטרעק,
מיט די הענט אַרויף אָט אַזוי אָט־אָ!

און קיין פּחד איז אויך שוין מער נישטאָ,
איז נויטיק בלויז ער זאָל קומען אין צייט
און אַזוי ווי ס'איז טאַקי זייער ווייט,
האָט ער זיך געשוואוירן ווי ר'איז אַ איד, באַ דער אייגענער הויט,
נישט צו וואַרטן מער אויף דעם האָן, דעם סמאַרק,
נאָר אין האַלבער־נאַכט צו זיין אויפן באַרג,
און צו ברענגען, אַזוי גיב גאָט אים, גליק —
די זון אַ גאַנצע, אָדער אין שטיק,
און קען זיין אַז ר'איז טאַקע אויבן געווען
לויט דעם אומגליק וואָס איז אים געשען
ווען וואַסיל (אויפן אַנדערן טאָג פאַרנאַכט)
האָט אים אויף דער פור צוריקגעבראַכט
אינאיינעם מיט ר'איטשעס לייטער פון הויף
וואָס ער האָט מיטגעשלעפּט אַרויף...
נאָר דאַביי האָט ער אויך מיט אַ פויסט צו דער זון
אויפן קול זיך אַליין אַ שבועה געטון,
נישט צו וואַרטן מער אויף דעם האָן דעם סמאַרק,
און נאָך האַלבער נאַכט זיין אויפן באַרג —
און אַזוי זאָל גאָט אים געבן גליק,
ווי ער ברענגט זי אַ גאַנצע אָדער אין שטיק.

אַט וואַס

נאָך וועטשערע נעכטן האָב איך גערעדט —
מיט מיין פרוי, וועגן מיר און וועגן דיר,
האָט זי מיך געגלעט און געזאָגט צו מיר:
אַז איך עס ניט בין איך דאַר ווי אַ ברעט —
היינט וועל איך איר זאָגן אַז איך האָב דיך געזען.
איך מוז נאָר אַ ווייל אַרומגיין דאָ —
מיין פּנים מוז זיין באַ מיר ברוין און בלאָ
זי זאָל גלויבן אַז איך בין אויף לופט געוועזן...
איך וועל זאָגן, אַז איך האָב דיך אָנגעטראָפן
מיט שניי אויפן קאָפּ און מיט פאַרלייגטע הענט
פאַרלייגט אויף דער ברוסט און מיט אויגן געווענדט
פּונקט אַהין וואו די זון לייגט זיך שלאָפן
אַט־וואַס!...

נישט איך בין דער

נישט איך בין דער וואָס זיצט אויפֿן באַרג
באַם פֿייער, באַם פֿייער דאָרט,
מיר שערט דער שערער אַ צינד מײַנע האָר —
און ער קעמט מיר אויס מײַן ווײַסע באָרד.

גלויבט מיר, איך האָב זיך גענוג געפּלאָגט,
ביז די באָרד איז אויסגעוואַקסן אויף מיר!
און מײַן זון — דוכט זיך וואַרט שוין אויף מײַן טויט
און שווײַגט ווי דער בעזים הינטער מײַן טיר.

אַ זיבער, ווי נאָר איך פֿאַרריבט מײַן כאַלאַט
און געפֿין מיר בענדלעך פֿאַר מײַנע שיך,
גיי איך גלײַך קיין קראַנצי־וואַנצי אַזוועק
און איך זאָג זיי גלײַך אַז דאָס בין איך.

און איך הייס מיר אָפּגעבן אַן אָרט
צו שלאָפֿן שטייענדיק בײַ דער וואַנט,
אַז קעניג און פֿאָלק שלאָפֿן אַזוי
ווײַל איך קיין אויסנאַם ניט זײַן אין לאַנד!...

און אַז איינער פֿון זיי וועט מיך וואָרענען
וועגן דעם וואָס פֿינצטערניש איז שיף:

װעל איך זאָגן — זע, די נאַכט איז װײַס —
און מײַן װײַב קומט אהער אין אַ פֿויגלשיף.

װעט ער שוין אַראָפּלאָזן זײַן קאָפּ
און װעט טראַכטן — נו יאָ, — אַט אים איז גוט.
װעל איך אויסזאָגן דעם סוד —
אַז מײַן װײַב קומט אין אַ פֿויגלשיף אָן אַ הוט.

װעלן אויף זײַן שטערן זיך אויסלײגן באַלד
פֿאַלד נאָך פֿאַלד װי אײַנגעקאַרבט:
װעל איך שענקען מײַן שמויסן־היטל אים
ער זאָל מיר װײַזן װי אַזוי מע שטאַרבט...

װעל איך האָבן בלויז די קאַלאַשן
מײַנע געלע — און דאָס באַרכאַט העמד:
װעל איך אויסזוכן אַ פּראָסטן מענטשן —
אַ בלויזן קאָפּ מיט אַ שרינט פֿאַרקעמט.

װעל איך אים רופֿן אין נאָמען פֿון גאָט,
ברודער מײַנער, און זאָגן אים גײ!
מײַן יונגע געליבטע מײַן גינגעלי
װאַרט אין גאָרטען אויף מיר אין שניי!...

די שענק

און ווען די שענק איז צו, איז דאָ אַ גלאָקנקלינג
וואָס שטילט אים איין מיט טרייסט געשיקט צו אים פון גאָט.
פאַר דעם פראָנט אָבער וואָס האָט מיט וויסטן שפּאָט
געקרענקט די זעל זיינע ביז אויף די עלטערע יאָר,
פאַר אים וועט לויכטן גאָט, און זיינע זיבן האָר,
וואָס ער וועט אויסציילן אויף זיין לבנה פליך.
און דעמאָלט וועט פון אים זיין פאַלשקייט אָפּטון זיך —
ווי ס'טוט זיך אָפּ באַנאַכט דאָס טונקעלע סאַמעטקלייד
פון דעם געהויקערטן, וואָס ווייזט זיין נאַקעטקייט,

בלויז איר, דער פינצטערניש, וואָס האָט קיין אויגן ניט,
און אַז ער וועט דאַביי מיט אימה אין די טריט —
צום פענצטער זוכן גיין אַ שטערנדל וואָס שיינט,
וועט דאָס דערמאָנען אים, אין דעם פּאָעט מיין פריינט,
און ווי אַ בלום אין אים, וועט אויפגיין אַ באַגער,
צו זען געלייטערט זיך, און זען דאַביי וועט ער
אַ קאָטער וואָס איז אַלט און זוכט ערגעץ אַ קאַץ,
ווי מע וואַרפט אַ הונט אַ ביין. און ווי עס שרייט פון פּיין
אַ דולהויז־נאַר באַנאַכט, בעת ער רעדט זיך איין —
אַז דורך זיין נאָפּל שטופּט מען קרעפּלעך אים אין בויך,
אַזוי וועט ער אַליין שוין דאַמאָלט שרייען הויך
און איבערגעל דאַביי אַרויסשטעקן זיין קאָפּ

ביז פאַלן וועט אויך אים פון בלינדן בוים אַראָפּ
פון פויגל קאַקאַרוז אַזאַ מיט צירט געשאַנק,
אַז ער וועט ציטערדיק, און ווי צום שטאַרבן קראַנק —
זיך שוין אַראָפּלאָזן צום בערגל מיסט באַם שוועל;

און וועט דער בעזים דאָרט — וואָס וואַרט שוין אויף זיין זעל —
זיך שפּרייטן איבער אים צו טון מיט אים זיין גנאָד,
וועט שוין זיין ביסל שטויב געלייטערט זיין פון שפּאָט.
און ווייס וועט זיין דאָס קלייד אויף אים דעם טויטן נאַר
אויך אָן אַ לאָרבערקראַנץ, וואָס איז דער לוין פאַר צער!
די הון וואָס ליגט איר איי זי ווײנט ניט אויף קיין האַרף,
דער מענטש מוז וויינען בלויז פיל שענער ווי ער דאַרף,
נאָר וואויל איז אים, דעם מת, דערפילט אין זיין באַגער,
מען וויינט, מע זינגט, מע שפּילט און ער הערט גאָרנישט מער!

נאָר אויב ער טוט אַזוי צוליב דעם ביסל שטאָלץ,
וואָס קוקט אַראָפּ אויף אַלצדינק ווי אַ וואַלגערהאָלץ,
פון נאַרישן טאַפּטשאַן, צי הענגענדיק פון וואַנט,
וועל איך זיך צובויגן און נעמען אים באַם האַנט
ווי מ'נעמט אַ קינד, אַ קליינס, וואָס זיצט אויף דרערד אין שטוב,
אין אייגן טייכל, ווי אין אַ רעגן־גרוב,
און ברענגען אים אַזאַ — צו דעם פּאָעט מיין פריינט,
צו זען דעם לאָרבערקראַנץ וואָס לויכט אויף אים און שיינט,
צו זען ווי שיין ער וועקט מיט הייליק שטילן זיפץ —
זיין צער — מישטיינס געזאָגט — דאָס ביסל פליגעשריפטס,
וואָס סע דערמאָנט אונדז שיר אָן גאַנצע ניינצן שטיק —
פרינצעסינס ליבטיקע, וואָס זינגען טרויעריק.



ניו־יאָרק — מאַנטקלעמענס

די באַן: ניו־יאָרק — דעטראָיט,
און אַלטע ווייבער דריי, וואָס אַ צום־טויט פּאַראורטיילטער
וואָלט ניט געשענדט —
שאָקלען זיך, מיט גרויסע דימענטן אויף גראָבע הענט,
צעשפּרייטע איבער בייכער אָפּגעלאָזענע אַנטקעגן מיר,
און פליען דרימלענדיק (אינאיינעם מיט אַ פּיסל פון אַ הון
אין אָפּענעם פּאַפּיר) אין וואַרימבאָד אַריין;
און פאַר אַ ווילדן טראָן ערגעץ אין אָוונטשיין
בויגט אַ יונגער נביא שמייכלענדיק זיין קאָפּ צו דר'ערד —
ווען איבער אים די אומגערעכטיגקייט הייבט אויף צום שוואונג
איר שווערד.

דער מלך, געל און פינצטער, ווי אַ וואָלקנבורך
פּרוואוט אויסשטרעקן די איינגעפאַלענע ברוסט
און ראַנגלט זיך דאַביי ווי מיט אַ וואָלף באַנאַכט
מיט אַזאַ וויסטן הוסט —
וואָס רייסט זיך פון זיין האַרץ דעם אויפגעפרעסענעם
פון זיך אַליין — אינאיינעם מיט זיין טויטבאַפעל
אינאיינעם מיט זיין זעל.

און איך זיין הויפנאַר, הויקערדיק ווי אַלעמאָל
בלאָז מיין ליולקע רויך —

און לאַך מיר אויפֿן קול
אַט ווי אַ קינד פֿאַרשייט,אַט קורוויש־הויך,
און אַט אין זיך אַריין
ווי נאָך אַ וואוכערניקס אַ ווייב
וואָס שאָקלט זיך אַן אַלטס, אַ קאַלטס
און פליט — אַרומגעוויקלט מיט אַ פֿלאַכטע שמאַלץ
אין וואַרימבאַד אַריין קיין מאָנטקלעמענס.

די באַן ניו־יאָרק דעטראָיט אין האַלבן וועג
און איך מיט גרויקייט אויף מיין קאָפּ
ווי אַ פּאַראַרימעטער אין אַ געשענקטן אַלטן ווינטערהיטל —
אינמיטן זומער ערגעץ — זיץ איך דאָ, און קוק אויף ווייבער דריי,
אַרום אַ שטיק פּאַפּיר מיט ביינדלעך פֿון אַ הון,
דאַכט זיך מיר אַז דורכן באַן-פֿינצטער,
אינאיינעם מיט דער ווינטערזון —
קוקט אַריין מיט פֿעדערן צעשויבערטע אַ האָן,
וואָס טרויערט ווי אַ מענטש,
געבויגן איבער עמיצן וואָס איז שוין טויט...

הויב איך אויף צו אים די אויגן מיינע
זע איך, אַז ער האַלט אין שנאָבל אויך
אַ הינדעלע וואָס איז אויף טויט דערפֿרוירן
אין דער לעצטער נאַכט, אפשר —
ווייז איך אָן אויף זיי די ווייבער דאָ
וואָס האָבן ערשט דאָס לעצטע שטיקל פֿליגלהויט
פֿון אַט דער הון פֿאַרשלונגען,
דאַכט זיך מיר, זיי האָבן קינדער אויך
דאָרט ערגעץ אין דער גרויסשטאָט,
הער איך שרייען זיי דורך פֿענצטער אָפֿענעם מיט רויך און פֿייער

און שווער ווי שטיינער פאַלן פון אַ גאָרן דאָרטן
ווײַל איך אין מיין פּחד רופן — אָפּשטעלן — זיך אומקערן
און העלפן אויב מען קען נאָך...

זע איך הענט וואָס ליגן שווער
מיט דימענטן ווי קעלבערנע גרויס,
אויף בייכער אָפּגעלאָזענע וואָס הויבן זיך און פאַלן
פרעג איך: — וואוהין מען פאָרט אַזוי?
ענטפערט איינע מיר מיט געוויין אין קול — מאַנטקלעמיענעס.
מאָלן זיי זיך אויס פאַר מיינע אויגן נאַקעטע אינגאַנצן.
זע איך פיס מיט קני געבויגענע וואָס זיינען אָנגעשוואָלן,
דאַכט זיך מיר, זיי ברעכן זיך
ווי בלאָטע טרוקענע פון אונטער רעדער.
ליג איך אַליין שוין אויף אַ וואָגן ערגעץ
וואָס פירט חזירים עטלעכע פון אַ יאַריד צום קעלער.
גראָב איך איין אין האַרטן שטרוי מיין פּנים, גאַרנישט מער צו זען.
און רעד מיר איין, אַז איך ליג אויך געבונדן...
דאַכט זיך מיר איך ראַנגל זיך אין פּלאָנטער פון די שטריק...
פּליט אַראָפּ פון צלם וואָס באַם וועג
אַ ראָב אַ פינצטערע
און טונקט איר שנאָבל איין אין בלוט וואָס רינט פון מיר,
און שרייבט אָן אויפן האַלדז פון איבער דעם וואָס הענגט:
אַ בייכער מיינע, אָדלערס, מיינע רויטע.
ווייס איך ניט וואָס מיינט דאָס
בייכער, מיינע, אָדלערס, מיינע רויטע.
זע איך אַז דער פויער לעבן מיר וואָס צלמט זיך שוין מער ניט
הויבט די אויגן אויף און שעפּטשעט ווי אַ קינד
וואָס קען נאָך רעדן קוים.

הער איך לעבן מיר דעם פויער ווי א קינד ארויסוויינען פון זיך
אָ, בייכער מיינע, אַדלערס מיינע, וואונדערלעכע רויטע.
ווייס איך ניט וואָס וויינט אזוי דער פויער.
נידערט זיך אראָפּ פון איבער דעם וואָס הענגט באַם זייט פון וועג
א ראָב וואָס טונקט איר שנאָבל איין אין בלוט בא מיר
און שרייבט אָן אויפן צלם אויך דאָס אייגענע.

דאַכט זיך מיר אז ער אַליין מאַכט אויף דאָס מויל, דאָס רויטע,
און שעפּטשעט ווי א קינד וואָס קען נאָך רעדן קוים
אָ, בייכער מיינע, אַדלערס מיינע, וואונדערלעכע רויטע...
פּרואוו איך מיט א שפּיי ווי אַלעמאָל זיך אָפּוועגדן פון אים.
זע איך זיך אַליין זיך וויגן שוין
מיט טרערן היים ווי פייער אויף מיין פּנים,
און ווי אין תפילה פון אַן אַלטן סידור, זאָג איך נאָך:
אָ, בייכער מיינע, אַדלערס מיינע, וואונדערלעכע רויטע...
און היים ווי פייער רינען מיר די טרערן אויף מיין פּנים...

בים־באָם

אַ פרויען שטים:

אָ רעגנדל, רעגנדל, לערן מיך אויס
ווי צו וויינען מיט מיינע אויגן.
אַז איך וועל זיך אויסוויינען זאָל מיר אויפגיין
אַ זון מיט אַ רעגנבויגן.

כאָר פון שרעטעלעך:

בים־באָם מיידעלע,
מיר האָבן פאַר דיר טרערעלעך —
אַזוי ווי קליינע פּערעלעך.
בים־באָם.
דו קום נאָר מיט אונדז אין וואַלד אריין,
בים־באָם.
וועט דיר שוין דאָרטן ליכטיק זיין —
בים־באָם.

אַ פרויען שטים:

וואָס טויג מיר אַ פּרינץ וואָס קושט מיך אין חלום,
און רעדט צו מיר פון די מעשה ביכלעך,
אַז איך גיי מיט אַ צעריסן קליידל
און מיט צעריסענע שיכלעך!

כאָר פון שרעטעלעך:

בים־באָם מיידעלע,
אונדזער קעניג — טייער לעבן,
וועט דיר גאָלד און סאַמעט געבן.
בים־באָם!
וועסטו זיך א קליידעלע נייען,
בים־באָם.
און אין גאָלדענע שיכעלעך גייען —
בים־באָם!

א פרויען שטים:

וואָס טויג מיר פאַר מיין פענצטער דער בוים,
מיט די פייגעלעך וואָס זינגען,
אַז איך קען ניט שפּילן אויף קיין פּאַרטעפּיאַן
און מע וויל מיר קיין לערער נישט דינגען?

כאָר פון שרעטעלעך:

בים־באָם מיידעלע,
אַז דו זאָלסט נישט זאָרגן דאַרפן
מאַכן מיר פון ביימער האַרפן! —
בים־באָם.
פייגעלעך אין מאָרגן־שיין
בים־באָם,
וועלן דיינע לערער זיין —
בים־באָם!

א פרויען שטים:

וואָס טויג א פראַנט מיט א קויטיק העמד
אונטער זיין סאַמעטן וועסטל?

וואָס טויג מיר דאָס געלט וואָס מיין פאָטער פאַרמאָגט
אַז ער האַלט עס אין קעסטל?

פרויען פון שרעטעלעך:
בים־באָם מיידעלע,
וואַלד וועט ווי אַ מלאך וואַכן
געלט זאָל דיך ניט קאַליע מאַכן —
בים־באָם.
וועט זיין וואויל צו דיר אַליין,
בים־באָם.
וואָס דו ביסט פון קאַרגשאַפט ריין.
בים־באָם.

אַ פרויען שטים:
וואָס טויג מיר וואָס איך בין ליכטיק און שיין —
ווי אַ קינד אין אַ גאָלדן וויגל?
אַז איך שימל ווי בא מיין פאָטער דאָס ברויט —
וואָס ער האַלט אונטער שלאָס און ריגל?

כאָר פון שרעטעלעך:
בים־באָם מיידעלע,
מיידעלעך האָבן צעפּעלעך,
און דער וואַלד האָט עפּעלעך,
בים־באָם.
פּאָזשימקע איז זיס און רויט —
בים־באָם.
יאַגעדע איז אונדזער ברויט —
בים־באָם.

א פרויען שטים:
ווען מ׳איז דורשטיק איז גוט דאָס וואַסער פון קוואַל,
נאָר דער ווײַן פונם פאַס איז בעסער!
מײַן געליבטנס הענט זײַנען שטאַרקער נאָך —
פון די רײַפן אויף די פעסער!

כאָר פון שרעטעלעך:
בים־באָם מײדעלע,
האָסט אַ חתן אַזאַ וואוילן,
און געוואָלט דעם סוד פאַרהוילן
בים־באָם!
אי־אַר־אי־אַזוינס פאַרמאָגט
בים־באָם!
און פאַר אונדז נישט אויסגעזאָגט —
בים־באָם!

א פרויען שטים:
אָ קום מײַן געליבטער איך וואַרט אויף דיר,
איך האָב דיר עפּעס צו זאָגן:
דער ווינט טראָגט דעם וואָלקן און זינגט דערבײַ
ס׳איז גרינג אַ וואָלקן צו טראָגן!

כאָר פון **שרעטעלעך:**
בים־באָם מײדעלע,
היט זיך, קענסט פאַרבלאָנדזשעט ווערן:
ווען דו וועסט פליען צו די שטערן —
בים־באָם!
און פון אויבן ווען מען פאַלט —
בים־באָם!

מוז מען זיך פארלעשן באלד —
בים־באָם!

א פרויען שטים:
איך בין גרינג ווי א שטרוי וואָס א פייגעלע טראָגט
אונטערן הימל דעם בלויען!
קום נעם מיך מיט זיך וועט דיר ווארעם זיין —
אין דיין נעסט וואָס דו וועסט דיר בויען!

באָר פון שרעטעלעך:
בים־באָם מיידעלע,
פרייען וועט זיך שווער און שווינגער
מיט א שנור אזא מין קליגער!
בים־באָם!
נאָר לאָמיר זען צו דו ווייסט —
בים־באָם!
ווי אזוי דיין חתן הייסט —
בים־באָם!

סאָלדאַטן

סאָלדאַטן ברידער, סאָלדאַטן הינט,
מיר שפּאַנען דורך שטורעם, שניי און ווינט,
ווי פאַרברעכער נומערירט און געציילט —
און דער עלטסטער שלאָגט און דער קייסער באַפעלט:
כאַנגי טשע־קונג כאַענכאַר, כאַענכאַ־,
מיר כאַפּן נישט כאַפּער וואָס כאַפּן באַבאַר,
מיר כאַפּן דעם קולי־כאַמולי דעם נאַ־,
וואָס הונגערט און לונגערט און גנב'עט ברויט,
און מיר ברענגען אים אַריינצודרענגען
אין אַ געפּענקעניש־לאָך אַן ענגן.
דער הענקער, דער שענקער פון ליכטיקן טויט
זאָל האָבן ווען אויפצוהענגען.
הוידאַלאַ — ווינט! — טיו־פּא פּיאַ־פּו!
איך הײנט, מאָרגן דו — — —
איך הײנט, מאָרגן דו — — —

סאָלדאַטן ברידער, סאָלדאַטן שאָף —
עסן נישטאָ. און נישטאָ קיין שלאָף.
פיל פּערל און גאָלד האָט דער מאַנדאַרין
פעלן אים נאָר אַ פּאָר פליגל צו פליען
כאַנגי טשע־קונג כאַענכו־כאַענכו,
וואָס זוכסט אין הימעל מאַנדאַרין, דו!

די זון מיט די שטערנדלעך גנב'עט ער צו,
און ער פלאַנצט זי אַריין אין זיין גאָרטן אויף דער ערד.
וואַקסן און בליען פאַר זיינע פענצטער
זונען און שטערנדלעך שיין ווי געשפּענסטער
קניט דער קייסער פאַר אים אויף דער שאַרף פון אַ שווערד
ווי אונדזער איינער דער קלענסטער!
בייגאַלאַ קעפּו שטינג־קינג! שטונקו!
איך היינט, מאָרגן דו!
איך היינט, מאָרגן דו!

סאָלדאַטן ברידער, סאָלדאַטן וועלף —
פון צוועלף באַנאַכט ביז באַטאָג זייגער צוועלף —
פון צוועלף באַטאָג ביז צוועלף באַנאַכט —
אייביק אויף רויב און מיט פריינט אין שלאַכט
און די קראָ, די שוואַרצע, קראַקעט און שרייט:
שפּאָן זעלנער, שפּאָן, רייט רייטערל, רייט!
כ'על דיך עסן ווען עס וועט קומען דיין צייט!
און דער טויט איז שוואַרץ, און דער שניי איז ווייס,
און די לבנה באַלויכט אונדזער שאַרבן.
און די קראָ וואָס קומט אונדזער פלייש צו אַרבן
בייס, קראָעלע בייס, רייס, די אויגעלעך רייס,
וואָס קען נאָך בעסער זיין ווי צו שטאַרבן
טויטאַלאַ מענשו! — טיו־פּאַ! פּיאַ־פּיו!
איך היינט, מאָרגן דו!
איך היינט, מאָרגן דו!

אין גאַס אין מיטן שטאָט

אין גאַס, אין מיטן שטאָט, ווער האָט מיך אויסגעשטעלט?
אויס גאָט — האָט ער געזאָגט — פאַרלוירן איז די וועלט!
אויס גאָט — האָט ער געזאָגט — און זוכן איז אומזיסט!
ווייל גאָט ליגט ווי אַ הונט אַ טויטער אויפן מיסט.

— ווער איז דער מענטש געווען? מיט אויגן רויטע צוויי,
געקוקט זיך אויף די הענט, געטון אַ שפּיי אויף זיי,
געזאָגט ער מוז דאָס טון צו שטראָפן זיך אַליין,
ווייל ער האָט (זיך אַליין צו ראַטעווען די הויט)
נעכטן אין מאַרק דעם ליבן גאָט געטויט.

אָט זע, — האָט ער געזאָגט, אין מאַרק — עס ליגט נאָך דאָרט
אַ קופּע פליש מיט בלוט, אינאיינעם מיט אַ באָרד.
און נעכטן ערשט פאַרנאַכט איז דאָס נאָך גאָט געווען,
געזעסן איז ער דאָרט און ווער עמען ר'האָט דערזען —
האָט ער געבעטן בלוט — געוואָלט אַ טראָפּן בלויז,
צו ראַטעווען דאָס האַרץ אין זיך וואָס טרוקענט אויס.
צו היילן זיך דאָס לייב פון וואונדן און פון קרעץ,
האָט איינער דוקא אים דערלאַנגט אין בויך אַ זעץ,
און איינער דוקא אים געטשמעליעט אויפן קאָפּ —
איז טאַקע גאָט דערפאַר כמעט פון זין אַראָפּ!

עס איז געווען א שרעק — האָט מיר דער מענטש געזאָגט,
צו זען ווי מ׳האָט אין ראַד געחלשט און געקלאָגט,
מע האָט דאָס קינד באַ גאָט נישט אָרויסרייסן געקענט,
מיט מעסערס האָט מען אים געשניטן לייב און הענט.
נאָר ער פאַר דורשט מסתם און שוין פון זין געווירט
האָט שוין קיין וויטאָק גאָר אין גאַנצן ניט געשפּירט,
געכאַפּט באַם גאָרגעלע און אויסגענאָגט ביז גאָר
דאָס בלוט פון אַזאַ קינד קוים דריטהאַלבן יאָר...
ס׳האָט קיינעם ניט געקענט אין קאָפּ אַריין
ווי בייסט מען זיך מיט ציין אַזוי פאַרעקשנט איין...
סעט גאָט זיך העלפן שוין, און טראַכט ניט ווי אַזוי.
זיין האַלדז קען אייזן זיין, דער שטריק קען זיין אַ שטרוי,
און אַז דער נאַר פון באָד האָט שוין דעם שטריק געבראַכט,
און אַז מען האָט אין מאַרק די תליה שוין געמאַכט
איז דאָס מענטשעלע געשטאַנען און געקלערט ;
האָב איך צו זיך געזאָגט, בויג אָן דיין קאָפּ צו דר׳ערד,
אַזוי האָט וויינענדיק, פאַר מיר דער מענטש דערציילט,
און ווי אַ הויט פון אייז האָט זיך דערביי צעשפּרייט
אַריבער זיינע אויגן וויינענדיקרהייט...
ער האָט גערעדט צו איר פון הונגער אויף דער וועלט,
פון לייט וואָס האָבן ניט דאָס ביסל קופּערגעלט, —
צו קויפן מעדיצין פאַר זייערע קינדער קראַנקע.
און כאָטש זי האָט אַליין אין קול זיינעם דערקענט :
אַז אמתדיקער צער האָט אים צו איר געווענדט,
האָט זי דעם בליק אירן צו אים ניט אויפגעהויבן,
בלויז דין און נעפּלגרוי ווי זיין ציגאַרן־רויך
האָט זי באַקוקט די קייט, וואָס אויף זיין בויך און אויך
די אַנדערע שטיקער גאָלד, אויף זיינע הענט די גולמ׳דיקע,
און ניט צו ווייזן אים ווי שטאַרק עס איז איר האָס

האָט זי — מען דאַרף אין גאַס — געזאָגט צו זיך אַליין
דערמאָרדן עמיצן און צורייבן זיין טאָגלוין
און פאַר דעם געלט באַשטעלן אויך — צום וויסטן יאָר
פון פערצן קאַראַט גאַטיעס גאָלדענע אַ פּאָר.
און אויך אַ ברוכגאַרטל פאַר אים, פון גאָלד מיט גינגאָלד,
נאָר אַז עס רירט זיך ניט אין טויטנפעלד דער שטיין —
וואָס הערט מיליאָנען יאָרן שוין דער וועלטס געוויין
מעג דאָך אַזאַ ווי זי, אודאי זיך ניט רירן,
האָט ער אָבער געדאַרפט אַ בויג טאָן זיך צו איר
איז דאָס געווען. עס זאָל דאַביי מיט איר
אַ וואָרף טון אַזוי ווי פון אַ שלאַנג געביסן,
נאָר ווען אַפילו גאָר זי וואָלט פון זין אַראָפּ
האָט ניט געטאָרט אַזוינס פאַר קיינשומפאַל אין קאָפּ
איר איינפאַלן. און דוקא שטיל, אָן ליאַרם, אָט-וואָס: אַזוי
באַליידיקן אַ נאָענטן
זאָל ער ניט ברוגז זיין. זי מוז פון אים סיי ווי
זיך אָפּרוקן. סע שמעקט פון אים ווי אין דער פרי
אין שטעטל פון אַן אָפּטריט ביי דער שול, פאַר דאַווענען.

די באַלאַדע פֿון ווינטער אין פּאַרק

1.

היינט איז מאָנטיק, דער מאַרק איז ניט ווייט פֿון מיין הויז
נאָר דער ווינט (צי איך קום אַליין אַרויס,
צי ווי איצטער דאָ מיט מיין זון לעבן זיך)
מיט זיין מאָדנעם געוווּך דערמאָנט ער מיך
אָן דער היים מיט מיין פֿעטער כאַיעמשמיל,
ר'האָט געוואוינט בא דער באָד אַנטקעגן דער מיל,
אַ בחור, אויסגעזען אַלט ווי זיין פּראַק
און גערעדט אויף דייטש. נאָר זיין אָטעם — אַ זאַק
מיט ציבעלעס, קנאָבל און רעטעכער.
— ווי גייטס כאַיעמשמיל? — „זייער וואָל מיין הער".
ער האָט זייער ליב געהאַט מענדעלסאָן
וואָס קען צוקומען צום קייזערס טראָן
איבער דאָקטאָר הערצל מיט ארץ ישראל
פֿלעגט ער לאַכן כמעט מיט אַזאַ מין קול
ווי אַן אַלטיטשקער וואָס דריקט זיך צו
פֿאַר לאַנגווייל צו אַ מויד ערגעץ וואו.
ר'האָט טאָקע פֿון ליבע פֿילאָזאָפֿירט
מיט אויגן צוויי ווי מיט שמאַלץ באַשמירט.
אויך דאָס עסן האָט ער ליב געהאַט פֿעט,
אַ סימן — ר'האָט אייביק פֿאַרפֿלעקט די גאַזעט
וואָס דער בריוו־טרעגער האָט פֿאַרוויקלט שטייף

געבראַכט אַלע טאָג נאָכן באַנען־פּייף.
אין וואָכנטיג פּלעגט ער באַם פענצטער שטיין)
און לכבוד שבת שפּאַצירן גיין.

2.

ס'איז אַן אומעטיק בילד, אַזאַ קלענערע שטאָט
די שול מיטן קלויסטער צוויי שפּיצן צו גאָט,
ווי להבדיל שטיפברידער צוויי אין אַ הויז,
איינער באַם צווייטן אין די אויגן גרויס.
און אין מאַרק דאָס מיסט פון דער גאַנצער וואָך
מיט אַן עמער באַם ברונעם וואָס האָט אַ לאָך.
און צו דעם אַ ביימל איבער אַ דאַך
און אַ מויד וואָס מ'האָט ליב ווי אַ קינד אַ זאַך,
אַ שטייגער, אַ קוקלע מיט פּיסקעס צוויי
וואָס זענען רויט. טו די פעדער אַ דריי
וועט זי ריידן אַפילו. — קענסט באַקן ברויט? —
וועט זי ענטפערן, יאָ. — און אַ חתן, מויד? —
זאָגט זי ווידער, יאָ. נאָר סע טויג ניט סיי ווי
איך פאָר קיין אַמעריקע — זי בלייבט הי.
און דאָס שאָקלען באַם לאַכן די אונטערשטע ליפּ —
איז אַ חן וואָס דערגייט ביז דער זיבעטער ריפּ.
נאָר קיין האָניק איז דאָרט פאַר קיינעם נישטאָ,
און די ליידיקייט איז נאָך גרויער ווי דאָ.
דאָס רעד איך — פון הימל, — ער פאָכעט מיט קעלט
ווען ס'איז, דאַכט זיך, תמוז איבער דער וועלט.

3.

נאָר אַ פּנים טאַקע אַז הימל און ערד
ווערן געבוירן מיט אונדז, און אומזיסט וואָס מע קלערט
אַז אין מרחקים ענדערט זיך זייער געשטאַלט.

ווער ס'איז יונג ביזן טויט, און איך בין אַלט
פון זינט איך געדענק זיך — און אויך מיין זון
אַכט און האַלב יאָר, ניט געהאַט צו טון
מיטן לעבן גאָרנישט, און קוקט שוין אַראָפּ
און בויערט כסדר אַ לאָך מיר אין קאָפּ.
איך זאָל זאָגן צי ס'איז דאָ אַ גאָט
און וויפל פעדערן אַ פויגל האָט.
און ווי לאַנג סע קען נעמען פון פּערציק יאָר
צו גיין אויף קריק. און פאַרוואָס האָב איך האָר
ווי זילבער, און מאַך ניט קיין געלט פון דעם
צו קענען זאָגן דער מאַמען — דאָ, נעם.
איך לייקן ניט — ער איז שענער דאַביי
פון אַ גרויסן, וואָס טוט אַ טרונק מיט אַ שפּיי
און שלאָגט פאַר לאַנגווייל דאָס ווייב מיט אַ בייטש.
פאַראַן אויך אַזוינע וואָס זוכן דעם טייטש
פון עפּעס אַ פּסוק, אַ לעבן לאַנג,
אַבי זיי זאָלן ניט הערן דעם גאַנג
פונם זייגער אויפן וואַנט איבער זיך.
נאָר ווי זאָגט מיין פרוי, — מען קען אַ פליך
ניט צודעקן מיט קיין לאָבערקרעניץ.
און נעראָן, קען זיין, האָט זיין רעזידעניץ
אָוועקגעלאָזט מיט פייער און ווינט
טאַקע נאָר, ווייל ר'האָט ניט געהאַט קיין קינד
צו שפּילן זיך — און דאָ ווערט שוין קלאָר
אונדזער היינטיק ווילדעווען ביז גאָר,
און מען זעט שוין פאַרוואָס די מאָרדן אָן צאָל
אין אַ וועלט וואו מע פּראַוועט געבורט-קאָנטראָל,
פליט דער אויטאָ אַזוי ווי אַ טייך באַרג אַראָפּ,
און מע היט שוין אויך יענעם קינד ניט אָפּ.
און אומזיסט וואָס מע מאָנט בא דעם וואָס היט

דעם לאַמטערן־סלופּ אויף דער גאַס אין דער מיט,
קען זיין ר'האָט אַ זון שוין וואָס לערנט זיך פליען
צו שיסן אויף אים פון אַ מאָרד מאַשין —
ווי מיין שוועסטערקינד, וואָס האָט פון דער הויך
ניט געקענט אַרונטערזעצן אונטערן בויך
פון זיין לייבלעכן ברודער, — געשיקט פון הי
צו שעכטן פאַר פרידן און „דעמאָקראַסי".

4.

איך וואַרט ניט באַם באַן פון דער רעפּובליק
מיט אַ בלומען־בעזים אין האַנט אויפן גליק,
און באַדויער ניט וואָס דעם קייזערס קרוין
ליגט ערגיץ אין אַ מוזעאום שוין.
וואָס ס'איז נעכטן געווען, קען היינט ניט זיין —
און מע קריכט ניט צוריק אין בויך אַריין
פון אַ מאַמען וואָס ליגט שוין טויט ערגעץ דאָרט,
און אויך מאָרגן וועט זיין אַ אינגל וואָס פאָרט
פון דער היים אַוועק! — און איך בענק ניט צוריק.
דער מאַטראָז וואָס איז מיד און שלעפּעריק
האָט אַ רעכט צו דעם, ווען ער האָט פאַרבראַכט
באַ צעריסענע זעגלען אַ שטורמדיקע נאַכט.
און דער פויגל, יונגט, וואָס ציט צו דער פרעמד
האָט מיך שוין געביסן אונטערן העמד
נאָך מיט צוואַנציק יאָר צוריק — אין ווין.
און מע שיקט ניט — איך זאָל קומען אַהין —
קיין שטאַפּעטן אויס. און פון פּוילן אַ הער
דערקייקלען זיך גרוסן ווי מילשטיינער שווער.
און דאָס אייגענע פון בערלין און פּאַריז
סע בליט שוין די עלנט אונטער די פיס
ווי קראָפּיווע אין פאַרלאָזטן פעלד

אין אַלע גרויסע שטעט פון דער וועלט,
און אַלץ צוליב דעם זשעני מיט דער נויט
וואָס האָבן פאַר זיך אַליין געבויט
זייער תפיסה — דעם וואָלקנקראַצער דאָ.
פאַרן נאַר איז אַוואַדע קיין שענערס נישטאָ
ער שטייט פון אונטן אַרויף מיטן קאָפּ
און זעט ניט דעם אָפּגרונט פון אויבן אַראָפּ,
ער ציילט די באַוואוינער און זעט ניט דעם האַס —
דאָס זאַלץ אַרום די הערינג אין פאַס.
און באמת, מיט וואָס איז אים און מיר
דאָ בעסער ווי איינעם מיט הונדערט יאָר פריער?
אין דער שטאָטבאַן מיט איר דונערגעשריי
זיצט זיך גראַמער ווי אויף אַ וואָגן מיט היי.
אין אַ שטוב באַ אונדז דער „אַבאָרט” וואָס שטייט
איז ציוויליזירטע באַקוועמלעכקייט.
און אַ מייערל מיט אַ פלוים איז אַ הונט —
פושקע־פלייש דאַרפן מיר צום געזונט.
ס'איז אמת. אַלע זעען שוין איצט
אַז דאָס וואָס האָט נעכטן ווי גאָלד געבליצט —
איז היינט אַ שרפה מיט אַ רויך.
און ס'איז טאַקע ניט גוט — דאָס ווייס איך אויך;
ווען איך זע אַ באָרוועס קינד, ווילט זיך זיין
די ערד אונטער אים אין „סקול” אַריין.
און אַ שיכור וואָס בעטלט באַנאַכט ווען ס'איז שפּעט —
איז דערנאָך דער שטיין מיר צוקאָפּנס אין בעט.

און אַוואַדע דאַרף וואַקסן לעבן פון ברויט
און ניט קיין איבעריק געלט וואָס איז טויט!
נאָר סקאָצלקומט — דאָ הויבט זיך אָן
די מחלוקה פון ראַבאַט, מאַגנאַט און באַראָן!

דער פליער א גענעראל צו זיין
אויפן קארוסעל — גיט אוועק זיין שוויין,
דער פּאיאַץ וואָס האָט א גלאַטע צונג
קען פאַרן אומזיסט ווי א קיילער יונג,
וואָס רופט מיט א טרובע און הויבט א פּאַן —
ווי א הור דאָס קלייד ווען זי שיכורט זיך אָן.
נאָר דער וואַסער טרעגער, דער למד וואָוו
וואָס האָט ווי א פּאַסטוך דריי איינציקע שאָף —
מערידן, א ברוך מיט א גלות־הארץ
אים ווערט שוין פאַר פּחד אין די אויגן שוואַרץ
ווען ער קוקט אויף דער מאַלפּע ווי זי רייט!
און דאָס געדרענג פון די אָרימע לייט
דאַרף דער קעשענע־גנב — ס׳זאָל ווערן ענג.
און דאָס איז ניט עפּעס וואָס איך געזעגנק
(ווי א איד א ברכה) פון קינדער־טעג
דאָס איז וועלט וואָס וויינט א בלינדע אין וועג,
לעבן וואָס ציט (פאַר דער אייביקייט)
זיך די אָדערן לעבעדיקערהייט.

און דער אַרבעטער־פירער — שוין דריי יאָר לאַנג
אַז מיין צוטרוי צו אים, איז צום שטאַרבן קראַנק
און איך מיש זיך ניט, ווייל איך קען ניט מער
מיך אַרט ניט דאָס האָפּקען אַהין און אַהער,
ווי א בער באַם ציגיינער — ווי יענעם פאַלט איין,
און ניט וואָס מע וואַרפט אים אין היטל אַריין —
נאָר וואָס שטורקעט ער מיך מיט זיין שטעקן נאָך
אין דער ברוסט אַריין, וואו איך האָב שוין א לאָך.
ניט איינמאָל, (ווייל איך בין אַליין זיך ניט קלאָר)
וועג איך איבער מיין וואָרט, ווי מע זאָגט, אויף א האָר,

אוּן באַטאַפּ מײַן טראַכטעניש, ווי אַ מעטרעס
דאָס קלייד פאַרן טאַנץ אויף דער קרוינפּרינצעס.

אָט קומט מיר אײַן זינען מאַרקס און זײַן מי —
און זײַנע שטעלפאַרטרעטער דאָ הי,
איך פרעג, — צי סלוינט זיך וואָס ער האָט פאַרבראַכט
אַ לעבן באַ דעם וואָס ר'האָט אויסגעטראַכט?
— נאָר איך זע אַז די ליכטיקייט פון זײַן מאַרך
האָט באַ זיי אויף די קעפּ פאַרגרעסערט דעם פּאַרך,
און זיי שטעקן דעם כאָס טאַקע אָן מיט זיך
ווי אַ קראַנקע פרוי אַ געזונטן דיך.
דער פוילענצער יאָסעלע־געסרוך,
און דער גנב הערש מיט זײַנוול יעוונוך —
ווילן אין מיטן מיטנוואָך אַ פלאַש
מיט גוטן ווײַן און אַ המן־טאַש —
פּראַוועו זיי באַריקאַדן־געשריי
אויפן ראָבאָטס חשבון אין נאַכט קאַפּעי!

מיך עקלט פון אַלץ ווי פון זיך אַליין
ווען איך זע פאַרנאַכט פון דער אַרבעט גיין —
ווי אַ מת, וואָס מע טראָגט אַראָפּ איבער טרעפּ,
הענגט די צעבראָכנקייט איבער די קעפּ.
און קלאָר איז מיר, אַז דער לייב וועט דעם באָק
ניט קיין קוש טאָן אָן אַ יאַמשעמשטאָק!
נאָר אַז אויך אונטער לענינס מאַרטירער־מאַכט
שטייט שוין ווי אונטער אַ באַרג די נאַכט,
דער שקר וואָס גיט זיך די הענט אַ צעפּיר —
איז משיח אַ גרעסערער רשע פון מיר!
און די נויט אונטער אים — ביז דער ערד אין געוויין
פאַרדעקט אַ מאָרדע מיט וועלפּישע ציין,

און זיין האַניק איז סם פֿון אַ שלאַנגענצונג
וואָס לערנט דעם לאָמען טון אַ שפּרונג —
אויפֿן בלינדן וואָס קלאָגט, — וואָס דער טויבער פּרעסט —
וואָס דער שטומער רויבט פֿון טויבן־נעסט!
נישטאָ קיין ברודער. דאָ קער זיך אָן
דער חלף בלויז מיטן האַלדז פֿון האָן.
און זיין בלוט איז דאָ — דעם שוחטס בענאָק
זאָל פּאַטשקען „לא תרצח" מיט אַ טשוואָק,
און דאָס איז ניט עפּעס וואָס איך געדענק
ווי אַ וואונד פֿון אַ קינדערישער קרענק,
דאָס איז לעבן וואָס חושב'ט אויפֿן קאָפּ
ווי אַ פּאַקרישקע אויף סם אַ טאָפּ.

און רעכנט און אומרעכנט, — שותפים צוויי —
ווי בלוט־טראָפּנס אין אַ קאַליע איי.
נאָר פֿאַרוואַנדלט דעם נביא׳ס צוזאָגאַכץ
אין אַ שטיק ברויט מיט איינגעמאַכץ,
אומזיסט דיין מי, דאָס קינד דער בונטאַר
וואָס האַלט אָן עפּל וויל אַ באַר,
ווערסט ניט דאַרפֿן אונטערצינדן מיט שטרוי
דעם האָס אין די אויגן ווי דיינע בלוי, —
און דער ים מיטן הימל אין דער טיף
שפּיגלט אויך אָפּ די מלחמה־שיף.
און בשורות־טובות קיין טעמינעהאָץ
ברענגט דער טעלעגראַפֿנקלאָץ —
וואָס פֿליט אויף צוריקצעוועגס ווען מע פֿאָרט
להבדיל ווי באַם צדיק די באָרד!
דעם דישעל איז גוט, — ער זעט זיך פֿאַראויס
אַפֿילו ווען מען קירעוועט זיך אויס,
נאָר דאָס ראָד, זיין לייבלעך־שוועסטערקינד

אויף דער חתונה פֿון שטורעמווינט
טאַנצט ווי דער בליץ אין וואָלקנבראָך,
און דער רעגנבויגן גייט אויף דערנאָך
ווי דאָס ליכט פֿאַרנאַכט אויפֿן באַרג שפּיץ דאָרט
וואָס ציט זיך ווי גאָלד צו מאָרד!
פֿאַרן פֿויער די רויטקייט אין אָונטשיין —
אַ סימן אַז מאָרגן וועט לויטער זיין.
פֿאַר מיר איז דאָס ליכט מיט דער פֿינצטערניש
צוויי שותּפֿים וואָס האַנדלען מיט בלענדעניש.
און ניט נאָר דעם געלן באַרגשפּריין דאָרט
וואָס ציט צו זיך ווי גאָלד צו מאָרד,
נאָר אַפֿילו דעם שטערן האָב איך שוין פֿיינט —
אַ פֿאַסקודסטווע דאָס איז — ווען די זון באַשיינט
דאָס הינטער חלק פֿון דער ערד, שיינט ער אויך,
און ציטערט דאָך דערביי אין דער הויך
ווי מע וואָלט דאָ אונטן מיט הוילע הענט
דאָס שיינדל זיינס צוכאַפּן געקענט!

אַ לאַמטערן באַנאַכט איז עפּעס ווערט
נאָר לויט וואָס מע טוט מיטן פֿייער אויף דער ערד
איז ניט זיכער אַפֿילו אין לאָך די מויז,
זי קומט — ווען דער הונגער שטופּט זי אַרויס,
מיך שטופּט (אפֿשר וויים אַ שד וואָס דאָס איז)
מיין אומרו! גע'ירשנטער קאַפּריז,
און דער קאָפּ מיינער — ניט צו מעסטן זיך
ווער ס'איז אַ חכם, — דער בורא, צי איך,
נאָר וואָס טויג מיר אַ וועלט פֿון אַזאַ מין גרויס
מיט אַ פֿליג און אַ שפּין וואָס זויגט זי אויס?
און וואָס פֿאַר צאַנווייטיק איז מיר
דער יושר פּונקט איצט — ווען איך פֿילאָזאָפֿיר

פון דראַצן כּלות מיט פּאַרצן מיליאָן
און ווער דאַרף איך זאָל קלאַפּן דאַביי אויף מיין טראָן
ווי אַ קאַליע פידל אונטערן סמיק
וואָס מע שלעפּט אויף אים אַהין און קריק.

אַוואַדע איז דעם משוגענעם גוט
ער צינדט אָן אויף אַ פריצטע דעם שטרויענעם הוט
און ציילט (גלייך מע מיינט ניט אים) דערנאָך
די בריתן מיט די קברים פון וואָך.
אָבער איך וואָס טויג — אַז דער וואָלקן דאָרט
פאַרנעמט צווישן הימל און ערד מיין אָרט!
נאָר ווי זאָגט מיין פרוי, — שאַר צונויף דאָס מיסט.

און איך האָב אַ לעבן אָפּגעוויסט
באַ דער דיכטעריי, מיין גאַרנישט מיט אַלץ,
וואָס ליגט מיר ווי אַ שטריק אויפן האַלדז,
און ווען מען דער ליבער תּלין הענגט אויף —
איך צי זיך, דורכט זיך, אַליין אַרויף —
נאָר מיין זון שלעפּט אַראָפּ, ווייל ער וויל דאָס ניט
ער באַדאַרף מע זאָל אים היטן די טריט.
ס'זאָל זיין ווער סע הערט, ווי די קו מאַכט מו
ווען מען נעמט די מילך מיטן קעלבל צו.
דער געלערנטער באַם שפּאַקטיוו וואָס ער האָט,
מאַכט מיט אַ פינגער אין לופטן אַ ראָד
און גיט עס אַ נאָמען „אוניוווערז".
„פלאַטאָמבוסטיק" איז אויך אַ וואָרט אַ שווערס!
עס שטופּט זיך דאָך ווי אַ קינד פון שוים,
פון מיין גאָרגל, פון וואַנען סע וויל אַרויס.
נאָר וואָס טויג אַז איך קען ניט דעם אַלף בית
אַפילו פון דעם, וואָס מיר דוכט אַז איך ווייס,

און וואָס, אַז איך עפן אַ ביכל אויף
מיט מעשות פון לייטערס צום הימל אַרויף
אַז די וואַנץ (אין מיין שלאָף) באַפּרוכפּערט די לויז
וואָס לייגט אייער ווי גאַנצע לבנות גרויס.
און וואָס אַז משה באַם דאָרנבוש
האָט אויסגעטון — ניט דעם קאַפּעליוש
נאָר די טשאַביטעס — וואָס זאָגט דאָס מיר
דעם גולם וואָס זוכט (ווי אַ שיכור) די טיר
צו זיך אַליין. און וואָס וויל איך דען?
אַ לויט פון דער שאַנקייט וויל איך זען,
וואָס דער ווינט פייפט אַריין אין דער בעטלער־האַנט
פון מיין אומעט־חבר, פון וואונדערלאַנד,
געזוכט ביז בלינדקייט די דרייצנטע שעה
וואָס איז אויפן ציפערבלאַט נישטאָ.
און דער קראַנקער באָק וואָס וויינט אויפן מאַרק
מעג ניט אויסזען ווי יעזוס אויפן באַרג,
נאָר אַז סע וויינט שוין אויף אים זיין קאָפּ
ווי אַ פּאָקרישקע אויף סם אַ טאָפּ
איז דער הפקר־יונג אַ חבר אין נויט,
און זיין שטעקן — דאָס לעצטע ליכט פון טויט.

דאַ־דאַ, כ׳האָב צייט גענוג געהאַט
זיך צו לערנען פון פערדל שטרוי און בלאַט.
אויף דער שרבן פליט, מיך טראָגט אַ שגעון
וואָס וויינט מיטן וואָלף און קרייט מיטן האָן.
און פון בוים פאַלט די מאַלפּע ווען זי שלאָפט איין,
(מיר להכעיס) דעם טיגער אין פיסק אַריין!
און די שלאַנג וויל מיך בייסן ווייל איך האָב פיס
נאָר איר בויך ווען איך זע ווי בויגיק ער איז —
באַדאַרף איך אַ שווערד און אַ היטל פון מעש

צו געפּעלן אַ מויד אין זיידענער וועש —
וואָס דערפריים זיך מיט מיר ווי אַ שוסטער־געזעל
מיט דער קאָץ וואָס כאַפּט אַ פויגל באַם שוועל.
נאָר די צוויג לאָזט איבער דעם הונט אין וועג
ווי דער מלאך יעקב'ן נאָכן געשלעג.
און איך זוך דעם אמת ווי ער זוכט מיך
און מיר האָבן ביידע רחמנות אויף זיך —
וואָס מיר קענען ניט ברעכן קיין גרעזל אין פעלד
און פאַרנעמען זיך איבערצומאַכן די וועלט
מיט אַ וואָרט, וואָס איז שטאַרק ווי אַ סוכה־דאַך,
מיט לעבער אַ סך און ווייניק סבך.

ניט איינמאָל ווען איך טראַכט קומט מיר אויס
אַז די וועלט קומט ווי איך פון אַ בויך אַרויס,
און די זון באַם אויף־און אונטערגיין
איז איר האַרץ וואָס ווײנט אויף זיך אַליין,
נאָר דאָס איז שוין יענע קרעכצעניש —
וואָס זעט באַם שבן פאַרשטונקענע פיש
ווייל דער טשאָלנט טאָפּ איז פּוסט.
און אומזיסט וואָס דער חתן האָט זיך פאַרהוסט —
ס'איז אַ פאָרטל באַ אים, און מען שושקעט זיך שוין
און מיין טאַטע פלעגט זאָגן — ניט טשעפּע גאָט'ס קרוין!

5.

נאָר אויב ער האָט דעם הימל פאַרשפּרייט אין דער הויך
זאָל ער גוט זיין אַליין אים אַראָפּנעמען אויך!
נאָר אויב דעם זון מיינעם גייט ניט אָן —
און איך לייד ווי פון אַ קראַנקן צאָן
פון זיך און פון אַלץ — און מיין העמד און קאַמזויל
זיי פעלט אפשר בלויז אַ צונג מיט אַ מויל!

צו קלאָגן ווי אַ תהילים זאָגער פרום
אויף דעם וואָס איך זאָג ניט, ווייל איך בין שטום!
נאָר ווידער מיין זון — ער דערלאָזט עס ניט
ווייל ער דאַרף מע זאָל אים היטן די טריט,
און איך האָב אים ליב — און ס'איז טאַקע פאַראַן
אַ טרייסט אין אַ קינד באַם אָרימאַן
איך געדענק ווען מיין פעטער איז קראַנק געווען,
כאַיעמשמיל טאַקע — האָט ער דערזען
וואָס סע הייסט זיין אַליין, און האָט זיך געקלאָגט.
נאָר זיין טאַטע וואָס האָט גאָרניט געזאָגט,
האָט די האַנט זיינע געטאָן אַ פיר
(ווי איך אויף מיין זון דאָ איצט) אויף מיר

און אַ שמייכל געטון — נאָר אין אויג די טרער
ווען זי זאָגט עפּעס דאַרף מען שוין ניט מער...

איך געדענק אפילו ווי ס'האָט נאָבדעם
געציטערט דאָס בערדל אויף אים מיט אַ ברעם,

ער איז שוין טויט — און מיין זון דאָ — מיין פרייד
פאַנטאַזירט שוין אפשר שטילערהייט.

ווי שטאָלץ ער וועט נאָכגיין דעם וואָגן וואָס וועט
אויך מיך אַרויסשלעפּן פון בעט...

נאָר גענוג שוין צו רעדן צו זיך אַליין
און דאָס אָנרופן שפּאַצירנגיין.

מען וואַרפט פון די פּלייצעס אַ זאַק אַראָפּ
ווען ער ווערט צו שווער — אָבער ניט דעם קאָפּ.

און אַ פערד אַ בלינדס אויף יאַריד קען שוין זען
ניט די זאָרג באַם שלימזל גנבעט מען,
און ניט ווייל גאָל איז ווי שימל גרין —
איז יעדער פאַרלוירענער טאָג אַ געווין.

און ניט ווייל מע זעט אַ וואַנט־פּלאַקאַט
וואו מלאכים אין שטריימלעך ווי טשאָקאָלאַד

פליען מיט אייזקרים (געפרוירן שמאַנט)
אין „ליענאָווים" רייטוואָגן געשפּאַנט —

נאָר דערפאַר ווייל עס ברעכט זיך דיין האַרץ ווי גלאָז
אויף דיין קינד — דעם גרויסשטאָט עסקימאָז.

ער אויך — אַ קוימען וואָס שטופּט זיין רויך
איז שוין מאָרגן אַ פליער אין דער הויך,

וואָס באַשרייבט מיט פאַרע אין מיטן פלי
אויפן הימל דעם „שם" פון אַ קאָמפּאַני

וואָס פאַרקויפט אונז גומע, קאַי־און־שפּאַי
ווייל ז'האָט פיינט צו זען אַ מויל וואָס איז פריי...

נאָר ער אפילו, אין שניי דאָ אין פּאַרק
זעט ער דימענטן אַ גאַנצן באַרג.

און באַם זקן וואָס עסט אויף דער באַנק זיין ברויט
זעט ער הענט — ווי פון גאָלד וואָלט געווען די הויט.

איך זע אים אויך — ער איז געל ווי וואַקס
און זיין באָרד (אויף דער בינע נוצט מען פלאַקס)

ווען מען שפּילט אַ הימלאַזן אויף דער וועלט
נאָר די ווייסקייט — אַזוי ווי אומיסטן באַשטעלט —

מען זאָל בעסער זען דעם וואָס זיצט אַליין —
נאָר וואוהין, און צו וואָס ערגעץ אַנדערש גיין?

אַז דער גאָרנישט אַרום אַלצדינג וויינט
ווייל ר'איז אפשר נאָך גרעסער ווי מע מיינט...

און דער „אומעטום" וועלט־אוים וועלט־איין
איז אַ שטייג מיט דער טיר אין גרוב אַריין.

נאָר איך לייקן ניט — אַן אייגענער קאָפּ
איז אַ גרויסער פּלאָנטער. — אַ פערד איז גאַלאָפּ

איז אַ זייגער וואָס שטייט באַ דער גיך פון געדאַנק,
נאָר איך לאָז זיך ניט. איך מאַך געזאַנג

אפילו פון מיין רחמנות צום קינד.
נאָר דער אמת צו זאָגן — מיטן ווינט

האָב איך צרות. ער פליט דורכן גאַס
ווי להבדיל דער שמש בראַנפּענפּאַס,

אין דער היים באַ אונדז, ווען ס'איז פורים אין שטאָט.
פאַר דעם נגיד ראַפּעפּאָרט וואָס האָט

אַליין גוטן ווײַן טראָגט ער נאָך אַ פלאַש
מיט צוקערקעס און מיט אַ המן־טאַש.

און פאַר מיר אַזוי ווי עס וואָלט מיר געפעלט —
נאָך אַ ביסל ערגערניש אויף דער וועלט —

ברענגט ער אַ ריח וואָס איך וואָלט, מיר דאַכט,
פאַר קיין שונא, אין פאַרק אַריין ניט געבראַכט.

ווײַל דער ווינט וואָס האָט דעם בוים און מיך
דאַרף האָבן נאָך אַ משורר פאַר זיך.

ער אַליין — ווי אַ חזן אָן אַ באָרד,
יענער דאַוונט פאַר רייבע ערגעץ דאָרט

און ער פאַר די וועלף מיט די שלענג אין סטעפ.
אַהער — קומט ער שמעקן פון טעפ

און פאַרהויבן אַ קלייד, ווי לייב סמאַראַוואָט
דער צעדולטער שמש בײַ אונדז אין שטאָט.

נאָר בײַ יענעם ווייסט מען וואָס דאָס איז,
ער וויל, זאָגט ער, זען בײַ ושתין די פיס.

און לויט ער פליט מיטן צימעס־טאָפּ
און מיטן שטריימל אויפן קאָפּ —

אין מיטן דינסטיק פון הויז צו הויז —
איז טאַקע פורים בײַ אים ווייזט אויס.

איך ווייס ניט צי אַ המן־טאַש
איז בעסער ווי קעז צי ווײַן אַ פלאַש.

נאָר דער קנאַבל־געדוך אין ווינט דאָ איצט —
דערמאָנט מיך ווי איך האָב אַריינגעשפּריצט

צוויי לימענעס אין אַ פרעמדער פרוי
ז׳איז געלעגן אינגאַנצן געל־און־בלוי

און גליטשיק פון שווייס — דאָ הי באָם ים,
צופיל שמאַלץ אויף זיך איז אין זומער סם.

איך ווייס ס׳אַ נאַטור, צום גוטן יאָר,
אין מע טאָר אַפילו אויף קיין טבאָר

ניט צערענען אין האַרצן באַ זיך,
ווען סע האַלט דאַבײַ, טוט מען ווי איך,

מען פאַררויכערט זיך אַ ציגאַר טעטון.
אַ צער איז מיר נאָר אויף דעם קינד, מיין זון,

ר׳איז פאַר זיינע יאָרן אַ ביסל צו קלוג.
און איז ווייניק אין דרויסן און עסט ניט גענוג.

זיין מאַמע באַשולדיקט די „סקול” און מיך,
נאָר דאָס איז ווידער אַ זאַך פאַר זיך...

און מע דאַרף עס ניט אויסשפּילן אויף אַ האַרף
אָבער לופט — איז פאַרט אַזוינס וואָס מע דאַרף.